STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12000

ROYTE ROYZN

S. Palme

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. פאלמע.

רויטע רויזן.

פארלאג קונסט לאנדאו.

1924.

אין לאַנד פֿון חלומות

האָב איך אויסגעוועבט מיין היינט,

אויפֿן קאָפּ פֿון מיין מאָרגן

האָב איך אָנגעטהון אַ קרוין.

....

— פֿון ווייט

דיר, מיין חבר, ב. מאַנפּערל

ווידמע איך מיין בוך.

....

["*Red Roses*"].—*S. Palme.*

כ׳זוך קיין געטער.

כ׳זוך קיין געטער,
כ׳וויל ניט קיינעם דינען;
כ׳בין אַ גאָט פֿאַר זיך אַליין.
בריינג איך מיר דעם שענסטן, בעסטן קרבן,
ברעך איך געטער,
שמעטער מיט אַ שטיין.

כ׳וועב מיין צוקונפֿט פֿון די דינסטע פֿעדים,
שאַף דעם גלויבן נאָר אין זיך אַליין —
קומט נאָר איינער וויל אים נאָר צערייסן,
ציל איך זיך אין אים אַ שווערן שטיין.

איך בוי געצעלטן,
פֿעסטונג,
שטאַרקסטע שלעסער;
קעניג בין איך דאָרטן נאָר אַליין.
דאָרט באַהערש איך טויזנטער געדאַנקן
און צעשמעטער זיי אַליין, אַליין.

כ׳בין אַ בייזער ריכטער אויף מיין זינגען,
שרייב אַן אורטייל געגן זיך אַליין;
וויל איך ברען איך מיינע לידער,
וויל איך קרוין איך זיך אַליין.

ס. פאַלמע

צו דיר אָ קוואַל.

צו דיר, אָ, לעבעדיקער קוואַל פֿון מיין ליד
נידער איך,
און איך טובל זיך אין דיר,
כ'טרינק פֿון דיר דיין זאַפֿטיקן געטראַנק
דאַן הויב איך זיך צום דיכטערס הויך,
און זינג זיין הערלאַכן געזאַנג.

דו,
אָ, לעבעדיקער קוואַל פֿון מיין ליד,
נעם דיין דיכטער אין דיין טיף,
פראַל אים אויף דעם טויער פֿון דיין רייך,
אַנטפּלעק פֿאַר אים פֿאַרבאָרגנהייט פֿון זיין;
נאָר ניט פֿאַרטראָג אים אויף די הויכן פֿון גראַניט
אָדער בראָנז,
ס'וועט די הויכקייט נעגטערן צום פֿאַלן.
בלויז ביים ווינקל פֿון דיין הייליקן געצעלט
וויל איך וועכטער זיין,
ניט ווי קנעכט די זוימען דיין' צוקושן,
נאָר אַ וועכטער איבער העלקייט פֿון געראַנק.
דאַן קומען וועט מיין דאַזיין אין די פֿערזן פֿון מיין ליד
און וועל זיך אויסשיילן ווי די פֿרילינגדיקע בלום
פֿון דער ערשטער פֿרילינגדיקער קנאָספּ.

ביים קוואַל.

איך שטיי ביי דעם קוואַל און איך שעפּ,
שעפּ נאָך שעפּ,
טרינק איך און פאַרגיס מיין דאָרשט,
ווערט מיין קערפּער פול און שווער
מיט דעם ליבן, זיסן שטראָם.

ווערט מיין קערפּער אָנגעגליט,
וואַרף איך זיך אין שטראָם אריין,
רייסט ער מיר אין ווייטקייט אָפּ,
ווער איך שטאַרקער, פרעכער ווילד —
אַראָפּ אַרויף,
אַראָפּ אַרויף
הויב איך זיך מיט כוואַליעס הויך,
וואַשט זיך אָפּ פון מיר דער קויט,
גיס איך זיך מיט שטראָם צונויף,
ברויז און ברויז...
ווער פאַרוואַנדלט אין אַ שוים,
שפּייט מיר אויס דער קוואַל ביים ברעג
און עס טריקנט מיר די זון;
ווער פאַרוואַנדלט אין אַ שטויב,
קומט דער ווינט און טראָגט מיר אָפּ
אין אומענדליכקייט.

 ס. פּאַלמע

...עמיץ

ס'זינגט אַ ליד מיין נשמה מיר,
שטילע, בענקנדיקע טענער פֿון אַ עמיץ,
וואָס האָט אויפֿגעוואַכט מיט פֿרילינגס ציטער.
שטרעקט דער עמיץ אָרעמס אויס
און קלאַמערט מיר אין אָרעמס איין.

פֿירט דער עמיץ מיר צו אומבאַוואוסטע אָרטן,
לאַכט ער שעלמיש,
האָט דער לאַך געפֿאַנגען מיין נשמה
לאַכט זי מיט;
זינגט דער עמיץ מיר דאָס ליד פֿון פֿרילינג ציטער.
האָט ס'ליד מיר ציטערן געמאַכט מיין לייב,
טאַנץ איך,
שפּיל מיך צו מיט וואָגזין־ווילדע שפּילערייען.

אָ, עמיץ!
לאָז ניט מאַכן מיר צום נאַרן,
ס'וועט דאָס לייב מיינס ציטערן,
ס'וועט דערשטיקן מיר אַ צער אַ שטילער
ווען וועסט פֿאַרשווינדן.

קום, אָ, עמיץ, היל מיך איין,
קיל אָפּ די פֿלאַמענדיקע פֿייערן,

ס׳וועט די שאַנד קיין שאַנד ניט זיין,
כ׳וועל זי היילינן מיט גלי פֿון מיין נשמה.

אָ, עמיץ,
פֿילסטו ניט אַ ווילן וואָס קומט דורך טייזנט שווערע טויערן?
הערסטו ניט אין ליד באַגינענדיקע קלאַנגען?
זינג!
און זאָל געזאַנג פֿאַרויסן די פֿאַרבאָטן;
נעם דיין ווילן און שמיד אים אויס
וועסטו רייסן זיך דורך טויזנט צוגעמאַכטע טויערן
און וועל זיך טוליען ביז די שפּעטע שעהן,
ביז מאָרגן וועט דערמאָנען אונז אַ נייקייט
און פֿאַרשוואונדן
וועל איך קומען צוריק אַז קיינער זאָל ניט וויסן,
מיט שטילע טריט אויף הינטן דיר באַגריסן,—
דיין מאַן.

ס פּאַלמע.

ערשטער ציטער.

I.

ביי אַ אויפֿגעפּראַלטן פֿענסטער,
האָב איך היינט דאָס ערשטע ליד
דער יוגנט אָפּגעזונגען:
אַ לויב צו מיין לייב וואָס האָט דעם ערשטן זיסן ציטער
— היינט דערפֿילט

און געזונגען.
דאָס שטילע ליד האָט ערגעץ וואו אין טיפֿקייט זיך געריסן
און ניט ווייט פֿון מיין אויפֿגעפּראַלטן פֿענסטער,
האָבן קלאַנגען זיך פֿאַרהאַלטן,
אין גאַרדינען ווייסע זיך פֿאַרפּלאָנטערט —
שפּעטער האָט זי זיי, לאַלינאַ, אויסגעפֿונען
און געפּרייט זיך,
נאָכגעזונגען זיי, די פֿערזן, קוים צו הערן
און איז אַנטשוויגן.

יעדן טאָג ביים אויפֿגאַנג פֿון פֿרימאָרגן,
האָט דאָסועלבע זיך ערווידערט,
און פֿאַרקניפּט זיך האָט אַ שלייפֿל —
רויטע זיידן־פֿעדים
און מיט דעמזעלבן האָט זיך דאָס פֿאַרענדיקט.
און ווען דאָס ליד האָט איינגעשטילט,
דאַמאָלס האָבן זיך גאַרדינען ווייסע צוריק פֿאַרצויגן
ביי לאַלינאַ.

און פֿאַרשוואונדן איז זי אין די טיפֿקייט פֿון איר הייזל
צווישן וואָכנדיקע מענטשן.

שעה נאָך שעה
און טאָג נאָך טאָג,
האָט זיך חלום ברייטער אויסגעשפּינען;
בלום נאָך בלום האָט זיך אין רויזן־טוך געהאָפּטן,
אויסגעשפּרייט זיך האָט דאָס טוך אויף לאַנגע, שמאָלע וועגן,
אויף די שליאַכן פֿון אַ גאָרטן צווישן ביימער די באַצווייגטע
און געצווייגן האָט דאָס דאָרטן,
אין דעם גאָרטן צווישן ביימער די פֿאַרגרינטע,
דאָרטן ווייִרן טרוימען צו דער־וועבן.

און געגאַנגען,
ניט אין העלער ליכט געגאַנגען,
נאָר פֿאַרנאַכט ווען זון איז ווייט פֿאַרגאַנגען,
דאַמאָלסט האָבן פֿענסטער צווי אויף גאַס זיך אויפֿגעעפֿנט,
האָט אַ קנײַלבעלע אין צווייטן זיך געוואָרפֿן,
צו לאָלינאַ
און דערמאָנט די שעה פֿון די געזאַנגען,
דאָרטן אויף די זיידן־טיבער
אין דעם גאָרטן דעם פֿאַרוויזטן.

דורך די אונטערגעסלאַך ביי די ווענט געשאַרט זיך
ביז דאָס לעצטע שטיבל האָט אַ צייכן פֿון אַ נײַקייט אָנגעוויזן,

ביז דאָס ברייטע פֿעלד פֿון ואַנגען האָט זיך אָנגעהויבן,
דאַמאָלס האָט דאָס האַרץ גענומען שנעלער קלאַפּן,
דאַמאָלס האָט דאָס לייב דאָס ברוינע ציטערן גענומען
און אָן אַ פֿאַרוואָס פֿאַר עפּעס זיך געשראָקן
און גענאַנגען.

צווישן ביימער אונטער שאָטן וועקגעזעצט זיך
ביז די טונקלקייט פֿון נאַכט האָט אַלץ אין בלויקייט
אומגעוואַנדלט,
דאַמאָלס האָבן ביימער זיך צושושקעט,
אפשר סתם אַזוי זיך,
אפשר איבער יעמאַנדן וואָס האַלט אין קומען
און איז שוין נאָנט דערגאַנגען?

האָט ערגעץ וואו אַ צווייגעלע צווישן ביימער
אונטער פֿיס זיך שטאַרק געבראָכן,
האָט עפּעס ווייסעס צווישן ביימאַלאַך געשימערט
און מיין בליק געצויגן
און האַסטיק האָבן בלוטן אָנגעהויבן לויפֿן,
ביז אַ האַנט האָט קאָפּ מיין איינגעקלאַמערט
און געפֿרעגט:
— קענסטו טרעפֿן?
— דו, לאָלינאַ! —
ב׳איך מיט ציטערדיקע פֿרייד געשטאַמעלט,
און אַ פֿייערל האָט זיך מיט העלקייט אָנגעצינדן,

רויטע רויזן

האָט עס שעלמיש גליד נאָך גליד געוואָרעמט
און געוועקט צום זינגען די געזאַנגען
פֿון דעם ערשטן פֿרילינגס ציטער,
פֿון דער נאָך פֿאַרשלאָפֿענער אַקאַציע,
וועלכע וואָרעמט זיך אין גאָלד־צעשטיפּטע זונען.

האָט לאָלינאַ פּלוצים זיך פֿאַרטרויערט,
איינגעקוקט זיך אין אַ ווייטקייט
און געהיימניספֿול געפּלוידערט,
געשראָקן זיך פֿאַר שטילקייט פֿון דעם גאָרטן
און מיט קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער,
האָט לאָלינאַ אַלץ געשטאַמעלט:
— קום אַהיים,
איך שרעק זיך ווען די זון פֿאַרגייט אין רויטקייט,
כ׳פֿיל אַ ציטער צווישן צווייג און בלעטער,
אָט אָ יענע ביימער אין די ווינקלען,
די בעראָזעס, וועלכע שרעקן מיטן ווייסן,
שטענדיק נאָר זיי שרעקן.
קום אַהיים!
כ׳האָב ניט ליב די שטילקייט די...
ווען זון פֿאַרגייט אין רויטן...
אין שטילקייט וועבן אוים זיך פֿיל חלומות,
צוקענדע חלומות...

— אין דער שטילקייט ווערן לידער ניי געבוירן,
אין דער שטילקייט פרעסט זיך ליפן היים צעגליטע,
קינד...
דו פֿאַרשטייסט?
— ווען דאָס ליד שטילט איין
זינגט נשמה טרויריקע לידער.
קום אַהיים.
— קינד,
כ'האָב אויף אונטערגאַנג פֿון זון געוואַרט;
אַ נייע זון מיט תאווה איז געבוירן,
בלויז די שטילקייט ועט עס וויסן, קינד...
איך האָב ניט ליב די היים,
דאָרטן רויבט אַ יעדער ווער עס וויל דיין בליק,
שווייג, לאָלינאַ,
ביידע וועלן מיר שווייגן,
וועלן מיר הערן די געזאַנגען פֿון צוויי לייבער,
דיינס ווי זילבער, פֿול מיט מאָרגן קלאָרקייט,
מיינס מיט בראָנזן ברוינקייט, װאַרעם.
— און וואָס זשע קוקסטו דאָרטן,
אָט אָ דאָרט צו די בעראָזעס,
וועלכע וויגן זיך און וויגן,
שאָקלען צו אויף אַלעם מיט פֿיל יאָ'ען,
האָסטו אויך ווי איך אין יענע שלאַנקע בוימער וואָס דערזעהן?

— גאָרניט קינד!
ס'איז דער ווינט וואָס האָט געררוישט דאָרט צווישן צווייגן.
— און וואָס זשע קלאַמערסטו מיין רעכטע האַנט אין
דיינע איין?...
און וואָס פיל איך איצט אַ ציטער אין דיין קול דאָס זיסע?...
פאַרוואָס־זשע פלאָנטערן די ווערטער דיינע,
זאָג פאַרוואָס?
און פאַרוואָס שווייגן די בעראָזעס אָט אַ דאָרט,
וואָס אַז מען וויל איז דאָס בעראָזעס,
און אַז מען וויל איז דאָס נישט ... ...
... ...

.II

אירע שויבן זיין' מיט טונקל רויט פאַרהאַנגען,
ערטערווייז מיט בלומען אויסגעהאָפטן;
קיינמאָל עפנט זיך דער פענסטער,
בלויז אַ שאָטן אין דער נאַכט באַווייזט זיך
און פאַרשווינט.

זיץ איך ביי מיין פענכטער גאַנצע שעהן,
וואַרט איך,
אומגעדולדיג ביים איך מיינע פינגער שפיצן,
צייל איך זיי די בלומלאַך אויף דעם פאָרהאַנג,
שטענדיק ווינען זיי דיזעלבע גלייכע הונדערט.

ווערט מיר איבלדיק דאָס וואַרטן,
דריי איך איין אין קנויל אַ קערטל
וואַרף עס דאָרטן צו לאָלינאַ.

וואָסושע איז זי דאָרט באַהאַלטן
מיט אַ האַרץ פון לויטער אייזן?
קיינער קען עס מיר ניט זאָגן,
קיינער דאַרף עס גאָרניט וויסן.

און צינט זיך אָן בייַנאַכט דאָס פייער,
ווערט דער פאָרהאַנג דאַכט זיך רויטער,
גייט זיך דאָרטן אום לאָלינאַ,
שלאַנק און בויגיק איז איר קערפּער;
מאָל איך זיך איר זילבער קלאָרקייט,
ווערן בלוטן דאַכט זיך הייסער,
ברענען זיי און בראָטן
ווערט דער אָטעם אַ פאַרכאַפּטער,
ביז עס פּראַלט די טיר אויף גאַס זיך,
לויף אַרויס דאָרט אַ פאַרצוקטער,
שטעל זיך אָפּ ביים רויטן פענסטער
מיט מיין שטעקן שלאָג איך שטיינער,
רוף איך,
וועק איך נאַכט אויף,
פיל אַז וועלטן ווערן איינגער,
איינגעשרומפּן,

האַמערן די שלייפֿן,
האַמערן און האַמערן;
שלינקט מיר איין די נאַכטן גרויקייט,
לויף איך צוריק ווי אַ הינט אַ בייזער,
שטיק איך זיך מיט זיסע פּיינען
ווערט געבאָרן צער אַ שטילער.

ס. פּאַלמע

וועלטן צוויי.

ליגט מיין קאָפּ צווישן וועלטן צוויי,
ברויזנדע,
שוימענדע,
שפּילנדע,
רייצן זיי,
שפּיל איך זיך מיט זיי אַרום,
ווי אַ קינד,
אַ קאַץ.

בלאָנדזשע איך צום וועלדל גרין,
טעפּאַך־טאָל,
צום קוועלכל דאָרט
און שפּיגל זיך,
פּליסקע זיך.

ס'טאָגט.
פֿאַלט די שיין אויף וואַנט און בעט,
האָט דער טאָג אַ ווינק געטהון:
שעם זיך!
שעם איך זיך,
לאָז איך אויגן טיף אַראָפּ,
הילט זיי איין די וועלטן צוויי.

רוף מיר,

רוף מיר אין דיין וואַרמען הויז,
ענטפּלעק פֿאַר מיר דיין גאַנצע גרויס,
שיינעס, ווייסעם לייב מיט מיידל רייץ,
וואָס וועקט מיין יונגן גייסט און רופֿט
מיר אַריין אין דיינעם וואַרמען הויז.

כ'האָב פֿאַר דיר אַ שיינע רויטע רויז,
זינג פֿאַר איר דיין הערלאַכן געזאַנג.
ווער נ׳ט מ׳ד פֿאַר שעהן, שעהן לאַנג,
און דערנאָך
נעם מיין קאָפּ און לייג אים אויף דיין שויס,
וויג אים,
פלאָנטער פֿינגער איין,
רייס זיי אויס די האָר,
שווייגן וועל איך,
שטענדיק שווייגן שטיל,
שטילערהייט דיר זינגען מיין געזאַנג,
פֿאַר דיין מיידלשן אַלטאַר.

אויסטרינקנדיק דעם בעכער פֿול מיט זינד,
וועל איך זיין מיט דיר אַ גאַנצע נאַכט,
ביז עס וועט די נאַכט פֿאַרגיין
און געבוירן וועט דער טאָג.

אונזער קעניגרייך.

איך און דו, —
מיט שטיפערישן פרינץ פֿאַרשייטן —
אַ קעניגרייך...
מיט אַ גאָלדן רוט אין האַנט,
מיט אַ שטאָלצן קעניג-קאָפּ,
ביידע אָנגעלענטערהייט
זינגען מיר,
טרינקען מיר
פֿון אַ בעכער פֿול מיט ווײַן.

גיסט ער זיך צו מיר,
צו דיר אין מויל אַריין
און מיר זינגען ליד נאָך ליד,
און מיר טרינקען טרינק נאָך טרינק;
מעגן וועלטן אונטערגיין,
זינגען און פֿאַרזינגען זיך,
טרינקען און פֿאַרטרינקען זיך,
ביז עס וואַקסט ניט אויס דער טאָג, —
אונזער פרינץ, —
ביז די גאָלדן רוט וועט זיין,

ביז עס שטילט ניט איין דאָס ליד,
ביז דער בעכער ווערט ניט לער
פֿון דעם ווייַן,
וועל איך שטענדיק רופֿן הויך,
איך און דו —
און אַ פֿאַרשייטער קלוגער פּרינץ —
אַ קעניגרייַך.

כלה מיין.

כלה מיין,
כלה מיין,
כ'האָב דיר אויסערוועלט צום זיין
פֿאַר מיר אַ קוואַל,
אַ לעבנס קוואַל,
אָפּצוטינקן זיך אין אים,
אין דיין שטראָם,
אָ, כלה מיין.

ווען איך נידערן צו דיר,
וועסטו הויבן זיך צו מיר,
וועסטו וואַשן מיר מיין קויט,
מיט דיין שטורמיש וואַסער־פֿאַל,
אָנגעטראָגן פֿון אַ ווייט.

וועל איך ווידער ווערן ריין,
וועסטו רופֿן מיר מיין פּרינץ!
וועל איך טוליען זיך צו דיר,
וועסטו טוליען זיך צו מיר,
ביידע פֿלעכטן זיך אין קנויל,
ביז געבוירן ווערט דער טאָג,
אָ, כלה מיין.

ס. פּאַלמע

זינד.

....

געווידמעט מיין חבר,

ש. ריבאריק.

ווען זון פֿאַרגייט.

מיט דעם אונטערגאַנג פֿון גאָלדן זון
ווער געבוירן מיר מיין שאַץ,
און קום צו מיר אין שטילן חדר מיין,
היל מיר איין,
זעטיק מיר מיט פֿרישקייט פֿון דיין פּראַכט.

מיט דעם אונטערגאַנג פֿון גאָלדן זון,
קום און זינג דיין דעמערונגס-געזאַנג,
און וויג מיר אין דעם וואַרמען בוזים דיין
פֿאַר שעהן לאַנג,
און ברייננ מיר טרייסט אין שעה פֿון אינערלאַכן פּיין,
וואָס ווערט געבוירן נאָר ווען זון פֿאַרגייט.

מיט דעם אונטערגאַנג פֿון גאָלדן זון,
ברייננ מיר האָפֿענונג פֿאַר פֿרישן טאָג;
ווער געבוירן דעמערונגס-געטלאַכקייט,
מיט דיין הייליקן געזאַנג
פֿאַרהייליק זי — מיין זינד —
פֿאַרהייליק זי מיט דעמערונגס געזאַנג,
פֿאַרנאַכט ווען גאָלדן זון פֿאַרגייט.

זינד.

I.

אין פֿאַרכשופֿטן ניט זעבאַרן לאַנד,
האָב איך דיר ענטפלעקט.
דאָס קעמערל פֿאַרזיגלטע,
ב׳איך מיט ציטערדיקע פֿינגער אויפֿגעריסן
אוּן דיך דערזען.

דו האָסט מיר ניט דערקאַנט,
איך האָב דיר ניט דערקאַנט,
ביזט דורך דער צייט אַ בלום אַ רייפֿע אויסגעוואַקסן,
פֿול מיט יוגנט-דופֿט צערייצטן
און זיך תאוהדיק געהנדלט און געוואונקן;
אָבער אויגן האָבן אויסגעזאָגט —
גרויסע, בלויע רינגען האָבן אויסגעזאָגט,
געמסרט אין פֿאַראַטן
און שטילערהייט,
אָן שושקן, אָן אַ שעפּטשן,
דיך צוגעפֿירט צום אַלטאַר,
דאָרט וואו זינד ווערט פֿאַרגעבן און געבוירן,
דאָרט וואו שטילע פֿיינען שוואונדן און זיי קומען;
דאָרטן האָב איך דיר אַ ליד מיט ציטער אָפּגעזוננגען
און אַ תאוהדיקעס שמייכעלע האָט אויסגעקרימט די ליפּן

און מיט אַן אָטעם אַ פֿאַרכאַפּטן
אַלץ געקוקט אין ניט באַשטימטע וועגן —
דאָ און דאָרט אויף ערטער די באַצירטע;
האָסטו, דאַכט זיך, פֿינגער אויסגעשטרעקטע,
ווי די ווייזערס אויכגעפֿונען,
און מיט גרינע קלעבעדיקע אויגן דיך געשראָקן;
האָט אַ שמייכעל זיך באַוויזן,
פֿאַר דער אייגענער סטראַשידלע,
האָבן בלוטן שנעלער אָנגעהויבן פֿליסן,
האָט דער ווילן ס׳וואָרט זיינס אויסגעשטאַמלט:
— מאַך די אויגן אויף די נאַרישע,
לייקן אָפּ די ווערטער פֿון די נעכטיקע;
ווערטער נייע פֿון די מאָרגיקע,
זינגענדיקע ווערטער זאָלסטו זינגען,
אָן אַ נאָמען אַ באַגרענצטן —
וואָס ס׳איז שענער זאָלסטו זינגען.

און לאַנגע ביינערדיקע פֿינגער
האָבן זיגלען אויפֿגעריסן...
אויפֿגעבליאַסצשעט מיט פֿאַרשייטקייט,
מיט בענקעניש נאָך ליבע, זיסע רויזן,
האָב איך דאָרטן,
רויזן רייפֿע נאָך מיט מאָרגן טוי געפֿונען,
און האָב פֿאַר זיך קאָלירן אויסגעמאָלן

רויטע רויזן

אין געדאַנקען די צעוויצטע
און געצערטעלט זיי מיט זאַנפטקייט —
האָסטו, דאַכט זיך, אויפגעציטערט,
מיך דערמאָנט דאָס נישטיקע פאַרשריבענע
פון צייטן און פון שעהן —
פון אַ ערשטן,
פון אַ לעצטן...

אָבער ווען קימערטעס געזעצן!
אויסגעריסן בלעטל נאָך אַ בלעטל,
ס'איז די רויז מיט דופטן אויסגעוואָקסן,
טרינק זיך אָן ביז צום פאַרגעסן,
ווערסטו אויך ווי איך,
די בלעטער איינציקווייז אויספליקן...

און ווידער האָסטו אויפגעציטערט,
מיך דערמאָנט משונהדיקע שאָטנס,
געשפענסטער איינעם נאָכן צווייטן,
טויזנט אויגיקע וואָס קוקן און זיי קוקן —
זאָלן זיי שמאַרן יענע גרינע, קלעבעדיקע אויגן,
זינדיקע ווי מיר און אפשר מער —
מאַסקעס, מאַסקעס,
טויזנט שוואַרצע מאַסקעס,
קיינער ווייסט ניט זייער נאָמען,
קיינער ווייסט ניט ווען זיי קומען און פאַרשוואונדן.

האָסטו דאַן געשעפּטשעט אין מיין אויער...
... ...
כ׳קען עס ניט און וועל עס ניט דערציילן.

און מיט כעס פון טויזנט ווילדע טיגער,
אויסגעמעקט ויי די פּאַרבאָטן,
און מיט ווידענעם געלעכטער,
אין דעם כשוף־לאַנד געזינגען.

.II

דיין לייבישע זילבערנע קלאָרקייט,
מיט שאָטנדע פאַלדן
האָט שעלמיש געוואונקן,
געחנדלט,
קאָקעטיש געשמייכעלט,
געוועקט אים דעם ציטער
דורך טויזנטער טירן...

דיין לייבישע הימלישע קלאָרקייט,
מיט טויזנטער שטימען,
גערופן, גערופן,
מיט טויזנטער זונען צעזאַמענגענומען,
געבלענדט מיינע אויגן;
געוועקט זי די תאוה

מיט ווידענע טרוימען
פֿון דיר אויסגעשפּינטע,
מיט גאָלדענע לידער
פֿון דיר אויסגעוועבטע;

אָ, לייבישע קלאָרקייט,
מיט שאָטנדע פֿאַלדן,
קום אין מיין טעמפּל.
מיט דיר וועל איך זינגען,
מיט דיר וועל איך שפּינען
און זינגען די לידער...
מיט דיר וועל איך ליידן,
פֿאַר זינד וואָס באַגאַנגען,
און בעטן פֿאַרגעבן
און שטאַרקן די שטאַרקייט,
אויך דיינע ווי מיינע.

...נו, קום, אין מיין טעמפּל,
אין איינזאַמע שעהן,
מיט דיר וועל איך פֿלאַנצן
די קומענדע דורות;
מיר זיינען דאָך בײדע — מיט ערדישע רייפֿקייט,
מיט זאַפֿטן באַלאָדן;
דאַן קום מיט דיין לייבישע זילבערנע קלאָרקייט,
באַהעפֿט זיך אין שטילינקע איינזאַמע שעהן,

אין הייליקן טעמפל,
אין ווינקלען פֿאַרבאָרגן,
ס׳זאָל קיינער ניט שטערן —
געניסן
פֿאַרבאָטענע פֿרוכטן,
בלויז גאָט וועט דאָס וויסן
און ער וועט דאָך שווייגן.

איך וועל אויף דיר וואַרטן אין נאַכטיקע שעהן,
— זאָלסט קומען:
כ׳וועל דיר ניט פֿרעגן, פֿון וואַנען, פֿון וועמען! —
מיר זיינען זיך ביידע פֿון ערגעץ געקומען,
מיט אָפּענע, גאַריקע מיילער צום טרינקן
און... טרינק!
דו זאָלסט מיך ניט פֿרעגן צי בין איך אַ זינדער,
איך וועל דיר ניט פֿרעגן צי ביזטו אַ זינדער;
מיר זיינען זיך ביידע באַלאָדן מיט פֿרילינג, —
דו — מיט דיין הימלישע לייבישע קלאָרקייט,
איך — ווי אַ ברוינער מיט גליענדע בלוטן;
דו — מיט די גאָלדענע האָר די קודלאַטע,
איך — מיט די פעכיקע האָר די פֿאַרגלאַנצטע;
דו — אַ פֿאַרשעמטער דאָך זינגענדער פֿויגל,
איך — אַ פֿאַרשטיפֿטער מיט חוצפה אַ יעגער —
צעזאַמען אויסלאַבן דעם „מעגסט און דו טאָרסט ניט"...
צעזאַמען אויסגלעטן דעם קרום מיט דעם גלייכן...

דערמאָן פֿון מיין פֿרילינג.

רוף מיר ניט —
צינט ניט אָן מיין אויסגעמאַטערט לייב,
רעג ניט אויף די פֿייערלאַך געלאָשענע
און לאָז פֿאַרגיין אַלץ מיטן רויך.

רייץ מיר ניט —
לאָז פֿאַרגעסן מיר דיין אויסגעבלויזטעס האַרץ,
לאָז פֿאַרגעסן מיר —
כ׳בין מיד.

וועק מיר ניט —
לאָז מיר שלאָפֿן און פֿאַרשלאָפֿן סודות־טעג,
כ׳האָב שוין אַלץ דיר אָפּגעגעבן;
לאָז געניסן מיר די שטילקייט פֿון אַ האַרבסט
און זיך זעטיקן מיט האַרבסטיקן געזאַנג.

דערמאָן מיר ניט —
כ׳האָב פֿאַרשווענדעט זיי די יוגנט־טעג
מיט אַ טייוולדיקע פֿלינקייט,
און פֿאַרצערט מיר האָט דיין שמייכל
מיט קאָקעטן־רייץ גענאַרטן.

מאַטער ניט —
כ׳וויל דיין מיידלשן אַלטאַר איצט מער ניט זוכן,

כ׳וועל די זיגלען פֿון די טויערן ניט רייסן,
ס׳האָט דערעסן מיר דאָס טאַנצן ביי דיין מזרח —
מאַך זיי צו די טויערן,
מאַך זיי צו.

כ׳וויל פֿאַרזינקען זיין אין שווייגן,
בלויז דיין נאָמען וויל איך שעפּטשן,
אַז ס׳זאָל עס קיינער ניט דערהערן
און עס דאַרף עס קיינער וויסן.

אין נאַכטן שטילקייט וועל איך בעטן פֿאַר דיין נאָמען,
ליכטלאַך וועלן ברענען אין מיין חדר,
און איך וועל זיי ניט פֿאַרלעשן,
זאָלן זיי ברענען!
ברענען, ברענען,
ווי עס ברענט מיין לייב דאָס מידע,
ווען דיין וואַרעמקייט קומט נאָנט.

נאָ!
קוק אַריין אין מיינע אויגן וועכטו אַלץ אין זיי
דערקענען,
כ׳האָב מיט צווייטע ניט געזינדיגט,
בלויז מיט דיר אַליין דו, דעמאָן, פֿון מיין פֿרילינג;
נעם דיין מאַנטל און פֿאַרהיל זיך אַז איך זאָל דיר
ניט דערקענען,

און פֿאַרשווינד וואו אַז איך זאָל דיר נישט געפֿונען;
ס׳ווילט זיך שעפּטשן שטילע תפלות —
ניט געשטערט זיין, —
כ׳וועל אויך בעטן פֿאַר דיין נאָמען,
און עס וועט דיר זיין פֿאַרגעבן,
דעמאָן פֿון מיין פרילינג.

כ׳בין זאַט.

האָסט מיר גאַסנדיק געזעטיקט
מיט דיין שווייסיק לייב צעגליטן,
אָפּגענאַרט מיר מיט דיין זינגען,
טאַנצנדיק געפּאַנגען מיר מיט פֿלינקייט.

האָסט זאַט געמאַכט די טייוולדיקע דאָרשטן
פֿון מיין יוגנט,
איצט בעפֿריי מיר,
לאָז מיר רייניקן מיין צאַרטקייט,
ס׳זאָל מיך קיינער ניט דערקענען און דערשפּירן
און אָפּקערן זיך אין ווינקלען —

קער זיך אָפּ!
דיין כאָרכלענדיקעס זינגען וועקט אַן עקל
און דערמאָנט מיר טריבע שעהן:
אין דער פֿינסטער,
אין אַ רעגן,
ווען איך האָב דיך דאָרט באַגעגנט,
מיט אַ פּנים פֿול מיט טרויער
און מיט מידע גרויע אויגן מיך גערופֿן,
און מיט יעגערישע־פֿלינקייט מיך געפּאַנגען —
כ׳בין געגאַנגען.

קער זיך אָפּ, ווי ניט געוועזן,
וועל איך בלייבן מיט מיין בלאַסקייט,

רויטע רויזן

וועל איך וואַשן זיך און טובלן
און זי רייניקן די בלאָסקייט.

קער זיך אָפּ מיט די פּאַרפּיומטע, פֿוילע שווייסן,
וועלכע רעגן און פּאַרפּירן,
און ווערסטו פֿרעגן מיר פֿאַר שולדן,
וועל איך צאָלן פֿאַר דיין טרחה,
פֿאַר דיין עקלדיקע שיינקייט —
נאָ!
באַפֿריי מיר מיין געוויסן,
קער מיר צוריק מיין פֿרילינג,
יוגנטליכע טויען,
וועלכע מאָנען
פֿרישקייט פֿון באַגינען.

וואָסושע שמייכלסטו און קרומסט זיך,
און דו דרייסט זיך און פֿאַרדרייסט זיך,
מיט צערינענע גרימאַסן
אין די ווינקלען פֿון די ליפּן.

כ׳האָב דיר פֿרילינגדיק און זילבערדיק באַפֿרידיקט...
איצטער גיי, ווי ניט געוועזן,
לאָז מיך טרויערן אין שטילקייט,
און אין טרויער וועל איך בלייבן,
ביז עס קומט ניט צוריק מיין פֿרילינג
פֿול מיט זונענדיקע לידער.

ביים ים.

אין פייכטן זאמד ביים ים
האב איך אויסגעקריצט דיין נאמען
אין פרימארגן,
און געהיט האב איך פאר שעהן
אז א טריט זאל דיר ניט טרעטן,
און איך וויים עם ניט פארוואס —
בלויז אזוי זיך סתם געשפילט זיך
מיט דיין נאמען.

און געהיט האב איך פאר שעהן,
ביז דער צופלוס האט פארגאסן —
ס'האט געדאכט מיר אז דו טרענקסט זיך
און דו רופסט מיר —
האסט מיר זיבן מאל גערופן
ניט געגאנגען —
ס'האט געפרייט מיר דאן דיין שטארבן,
צווישן כוואליעס די צעברויזטע,
ווי געשטארבן ס'איז מיין פרילינג,
צווישן וועלטן צוויי די רונדע —
דיינע הימלדיקע וועלטן
אין די שטורמדיקע נאכטן —
און איך וויים עם ניט פארוואס,
בלויז אזוי זיך סתם געדאכט זיך,
צווישן כוואליעס,
אין דעם ים דארט דעם צעשפילטן.

אָפּגענאַרט זיך.

כ׳האָב גענאַרט זיך און פֿאַרנאַרט זיך
אין געהיימע שטילע וועגן,
כ׳האָב געפֿרייט זיך ווי אַ יונגלינג,
און פֿאַרשטיפֿט זיך מיטן טייוול,
און געטרונקן פֿון זיין קופּל,
און פֿאַרגאָסן זיך מיט זיסקייט,
און פֿאַרשקלאַפֿט זיך,
און פֿאַרקייטלט,
און געזונגען זיינע לידער,
און געטאַנצט די קאַראַהאָדן
אויף די טורעמס,
אויף די מויערן,
מיט די ווינטן — אַלץ צוזאַמען —
אויסגעמישט זיך און פֿאַרדרייט זיך
און אין שדים־טאַנץ פֿאַרפּלאָנטערט.

אין געהיימע שטילע וועגן
האָב איך אויסגעהויכט מיין פֿרילינג,
אָפּגעצערט זיך און פֿאַרצערט זיך
און פֿאַרטויבט זיך און פֿאַרלאַכט זיך
מיט מיין אייגענעם געלעכטער...

ס. פּאַלמע

ווייל איך האַרבסטיק איצטער טרויערן,
וועל איך שטיל זיין און פֿאַרשוויגן,
וועל איך בעטן פֿאַר אַ פֿרילינג —
אויף דאָס ניי וועל איך אים שפּינען,
פֿון אַ ערשטן טאָג אָנהויבן;
כ'וועל זיך אויסשיילן פֿון מיין טרויער,
פֿון די האַרבסטיקע געזאַנגען.

בראָנדן,

דו גלוטעדיקע פֿייל פֿון מיין יוגנט,
האָסט געפֿיילט זיי מיינע שעהן
אין דער פֿינסטער,
אין דער ליכטיק
און פֿאַרקירצט זיי די מינוטען פֿון מיין דאַזיין.

וינד,
ווי זאָל איך דיר איצט רופֿן, —
דו מיט וויין פֿאַרפֿולטער בעכער, —
כ׳האָב געטרונקן דיר מיט וואָנזין
און פֿאַרטרונקן — פֿרילינג.
טויזנט פֿרילינגס האָסטו אויפֿגעפֿרעסן,
טויזנט האַרבסטן איז פֿאַרבליבן
נאָך אַ צוואַנציק יאָרעדיקן זיסן טרויער.

וינד,
שייל זיך אויס פֿון מיין נשמה,
לאָז זי רייניקן פֿון שאַנדע
אויף אַ ווײַלע.

ס׳איז דיין זיסקייט איבערפֿלאָסן,
ס׳האָט דיין זיסקייט מיר פֿאַרגלוטעט,
און איך ראַנגל זיך מיט פֿייערן,

וועלבע בראָטן און זיי שטילן ניט
און זיי מאַטערן.

שייל זיך אויס דו זינד באַגאַנגענע,
זאָל דיר פֿאַרגעסן זיין מיין נאָמען—מאַן,
און ניט רוף מיר צו די פֿלאַקערדיקע „סקווערן",
אין די נאַכטן,
דו, אָ זינד,
באַגאַנגענע,
פֿאַרגאַנגענע,
האַלב פֿאַרגעסענע.

רויטע רויזן

וועו מידקייט קומט, (מאַטעס על׳ן)

אין מידע זיסע שעהן,
זאָלסטו קומען זיך ניט רייצן —
צערטלען זאָלסטו קומען און ניט מער.

קענסט פֿאַרפֿלעכטן זיך
אין שוואַרץ פֿאַרפעכטן קאָפּן פלאָנטער,
זאָלסט נאָר וועטאָק ניט פֿאַרשאַפֿן.

כ׳וויל זיך אויסטאָן פֿון דיין היים פֿאַרוויזטן מאַנטל,—
דיין מתנה;
כ׳וויל זיך אָנטאָן בלויז אין ווייסן.

זינגען וויל איך שטיל פֿאַרטרוימטע לידער
און וואַרטן אויף אַ שעה אַ צווייטע
וואָס וועט קומען,
דאַמאָלס ווידער, ווידער שטורם...

עס זאָל דיר ניט פֿאַרדריסן —
כ׳ווייס דו ביזט אַ קינד פֿון וועלטן,
קעסלדיקע וועלטן,
זאָלסטו שווייגן און ניט ברויזן,
ביז מיין מידיקייט וועט שוואונדן,
דאַמאָלס ווידער, ווידער פֿלאַמען,
יוגנטליכע פֿייערדיקע פֿלאַמען.

אָט אַזוי אַ שמייכל און צעלאַך זיך,
זעטיג זיך מיט בלויזן זינגען
פֿון פֿאַרגיין און פֿון געבוירן;
ס'איז דאָס ליד דיינס איצט דאָס שיינסטע,
ווייל דאָס ליד דיינס מיר פֿאַרזיסן
און פֿאַרשטאַרקן,
פֿאַר די קומענדיקע לידער, —
כ'וועל זיי זינגען.
איצטער בלויז אַ קוש אַ שטילען,
ס'זאָל מיין לייב ניט טאָן אַ ציטער,
ביז עס וועט זיך נאַכט פֿאַרציען,
ביז עס וועט אַ טאָג געבוירן,
פֿריש מיט גאָלד-צעשטיפֿטע זונען,
דאַמאָלס ווידער, ווידער לידער,
דאַמאָלס ווידער, ווידער שטורם...

רויטע רויזן.

רויטע פייערדיקע רויזן,—
בלויז פאַר אייך האָב איך פאַרטרויעט
צוואַנציק יאָרעדיקע סודות,
צוואַנציק יאָרעדיקע פלאַמען,
צוואַנציק יאָרעדיקן טרויער.

רויטע פלאַמענדיקע רויזן,—
דריקט צונויף זיך אין אַ פלאָנטער,
ביז איר וועט פון זיך אויסנייגן
זיסע, טרויעריקע זאַפטן,
לעצטע אָנגעצינדענע קאָלירן,
אויפגעגאָסן זיך מיט מיינע
צוואַנציג יאָרעדיקע פלאַמען,
צוואַנציג יאָרעדיקן טרויער.

רויטע פלאַמענדיקע רויזן,—
צינט זיך אָן און האַלט אין ברענען,
לייגט זיך אויף מיין לייב צעגליטן,
זאָלן זיך פייערן באַהעפטן,
זאָלן זיך דאָרשטיגקייטן שטילן
ביז עס וועט אונז טויט פאַרצערן,
ביז עס וועט דאָס ליד איינשטילן
פון צוואַנציק יאָרעדיקע פלאַמען,
צוואַנציק יאָרעדיקן טרויער.

ס. פאַלמע

פיראטן אינזל.

(דראמאטישע פאעמע)

אין איין אקט.

און

א פראלאג

רויטע רויזן

פראלאג

אונטער דער וואַנט.

שטימען: ער, זי.

סצענע:

אַ ברייט אויסגעשפּרייט פֿעלד הינטער דער שטאָט.
עס זעהט זיך פֿון ווייטנס אַ וואַנט פֿון אַ מאָנאַסטיר.
אַ דורכזיכטיגער טויער דורך וועלכן עס זעהט זיך דאָס געביי פֿון אַ קירך.
פֿון הינטער דער וואַנט הערט זיך זיין שטים און שטילט איין. פֿון יענער זייט וואַנט הערט זיך איר ענטפֿער און שטילט איין. אין דער טונקל גרויער ליכטיגקייט מערקט זיך אַ שטילע פּראָצעסיע פֿון מאָנאַשקעס צו דער קירך פֿאַר דעם נאַכטגע-בעט. עס הערט זיך דער שטילער מיסטישער געזאַנג פֿון קירך וועלכער שטאַרבט אָפּ.

זי: אַנטפּלעק זיך, דו, שטערן פֿון מיין זעל,
אַנטפּלעק זיך געשטאַלט פֿון מיין געדאַנק,
דיין נאָמען זאָג מיר.
(פֿאַרשווינט טיפֿער).

ער: כ'בין דאָ הינטער דער וואַנט,
דיין נאָמען זאָג מיר.

זי: כ'בין אַ דערשטיקטער פֿלאַם פֿון זינד;
מיין נשמה האָט אַ פֿלאַקער געטאָן
און וויל אַרויספֿליען.

ער: דיין נשמה איז אַ זינדיקע,
זאָל זי ציטערן;
דיין נשמה איז אַן אונרייינע,
זאָל זי פֿלאַטערן.

זי געהער דעם הונט פֿון אַלע וויסטעס,
דעם טייוול פֿון אַלע טיפֿקייטן;
דו ביסט פֿאַרהאַסט.
זי: ווער ביזטו מיט דיין העסליכע שטים?
דו ברייננסט אונריין אין די שטילקייט פֿון דעמערונג;
ניט דיך האָט מיין מויל גערופֿן.
וועלכער וואולקאַן האָט דיך אויסגעשפּיגן!
זאָל דער בייזער ווינט דיך איינשלינגען!
ער: איך בין די פֿרוכט פֿון דיין תאוה,
איך בין דיין ניט דערזאָגטעס וואָרט,
איך בין די שטראָף פֿון דיין זעל;
איך וועל דיך מאַטערן! איך וועל דיך מאַטערן!
זי: ניט דיך האָב איך באַגערט,
ניט פֿאַר דיר האָב איך מיין פֿרויען־דופֿט געגרייט,
ניט דיך האָב איך אין מיין מיידל־גאָרטן געפֿלאַנצט;
ס׳האָט בלויז דער טייוול דיך אויסגעשפּיגן.
ער: הינטער דער וואַנט האָסטו זיך באַהאַלטן,
האָסט מיך אויף אַלע וויסטעס אויסגעשפּיגן;
אַלע וויסטעס איז מיין היים,
יעדער מאָרד איז מיין טאַט.
זי: קום אַרונטער הינטער דער וואַנט,
דו טיק פֿון מיין האַרץ;
רייס פֿון מיר מיין האַרץ אַרויס,
מיט דיר אין וויסטעס נעם דאָס מיט,
זאָלן עס ראָבן דאָרט צעפּיקן.

ער: איך די ראָבן וועלן דיך ניט ליבן:
בלויז ווערים וועלן זיך מיט דיר קוויקן;
איך וועל דיך פֿאַרשעלטן.

זי: וואָס ווילסטו, טיק פֿון מיין האַרץ?

ער: איך וויל דעם נאָמען פֿון מיין זיין,
קער מיך אום צו דער שטאָט, צו דעם מענש,
גיב מיר צוריק דעם נאָמען—מענש,
איך בין אין אַ חיה פֿאַרוואַנדלט.

זי: דאָס איז דער מענש וועמען דו שעלסט.

ער: פֿאַרוואָס האָסטו זיך הינטער דער וואַנט פֿון גאָט באַהאַלטן?
קום אַרויס און טרינק מיך אָן,
לאָז מיך צוריק אין דיין הוילן בויך אַריין,
זאָל דאָרט מיין קבר זיין...

זי: זאָל די ערד זיך שפּאַלטן,
זאָל דער וואָלקאַן זיך צושפּילן,
דיין מויל פֿאַרברענען
דיר, טיק פֿון מיין האַרץ!

ער: ביזט דער טייוול פֿון מיין זיין.

זי: לאָז מיך צורו,
לאָז צורו אַ פֿוילע שטיק פֿלייש;
באַלד דאַרף איך אַ נאַקעטע פֿאַרן אַלטאַר שטעהן,
באַלד וועל איך מיט מיין הוילן קערפּער אויף דער שפּיזן-ברעט
זיך לעגן,
און מיינע זינד וועלן פֿאַרגעבן ווערן.

ער: און דו זינדיגסט אויך איצט,
דיין געדאַנק איז אויך פֿאַלש,
דיין חרטה־ליד איז פֿאַלש;
דו טרינקסט פֿון דעם בעכער פֿול מיט זינד,
און דו וועסט זיך אין אים דערטרינקען.
האָסט דיין פֿאַטערל דיין ליד—דער יוגנט געוונגען,
און ער האָט פֿאַר דיר געבעטן...
זי: פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, דו, פֿרוכט פֿון מיין זינד?
ער: שטום איין און ווער אַ שטיין,
נעם אָן דעם שטומען שוויג;
איך וועל דיך פֿאַרשעלטן...
זי: אַ גוטע נאַכט דיר, טיק פֿון מיין האַרץ...
אין שעהן פֿון אומעט,
אין שעהן פֿון פּיין,
וועל איך פֿאַר דיר דאָס ליד פֿון פֿאַרגעבן זינגען
מיט טרערן וועל איך דיר אין מיין געדאַנק דעם ריינעם טובלען.
ער: אין שעהן פֿון מיין צורייצטן זיין
וועל איך דיר אין מיין הייל אין דער וויסטע פֿאַרשלעפּן,
כ'וועל דיר אויף אַ טראָן פֿון מענשן־ביינער אַוועקזעצן,
און וועל זיך הויך צולאַכן,
לאַכן פֿון דיין און יענעמס מייסטערווערק,
און מיט ווילדן גרימאַס וועסטו זיך פֿאַרקרימען,
אין די ווינקלען פֿון דיין מויל וועט אַ ווייסער שוים זיך ווייזן,
און דיין טרער וועט דער לעצטער זיין,
און דער מאָרגן וועט מיין מאָרגן זיין.

זי: זאָל דער טרער מיין לעצטער זיין,
זאָל דיין מאָרגן דיין מאָרגן זיין,
זאָל דיין הייל מיך פֿאַרשלינגען.
ער: הינטער דער שטאָט וועט דיין קבר זיין
ס'וועט דער גראָבן דאָרט אָפֿן זיין;
אין דיין קבר וועל איך אַריינשפייען,
אַלע וועלן שפייען.
זי: שווייג, דו טיק פֿון מיין האַרץ,
שווייג! שווייג!
ער: האָסט דיין יוגנט־בעכער פֿול מיט זינד אויסגעטרונקען,
זאָל מאָרגן דיר באַצאָלן—
זאָל מאָרגן מיין מאָרגן זיין...
(פֿאַרשווינדעט אין דער טונקל גרויער ליכטיקייט פֿון פֿאַרנאַכט).
זי: זאָל מאָרגן דיין מאָרגן זיין!...
(אָפּ אין דער טיפֿקייט פֿון מאָנאַסטיר).

פיראטן אינזל.

שפילער:

הערשער פֿון דער וויסטע.

טאָכטער פֿון דער וויסטע.

זאָן פֿון דער וויסטע.

מענש פֿון שטאָט.

קינד די אייביקייט.

פיראטן:

ערשטער,

צווייטער,

דריטער,

פֿערטער.

געפֿאנגענע.

סצענע:

אן אָנהויב פֿון אַ ים ברעג. פֿון ווייטנס וואַלד, בערג און סקאַלעס.

ערשיינונג:

זיצט דער הערשער פֿון דער וויסטע ביים אַריינגאַנג פֿון אַ הייל, קוקט אין פֿייער אַריין וואָס גיבן אים. ליגן אויף אַ זייט ים געפֿאַנגענע געבונדן, פּיראַטן מאַכן זיך פֿרייליך איבער זיי. די געפֿאַנגענע רייסן זיך. שטילן איין. קינד די אייביקייט ערשיינט אַ טאַנצנדעס, שפּרינגט צום פֿייער צו, שטורקעט אין פֿייער אַריין. אַ ווײַלע שוויַגנדיק, רעדט:

קינד די אייביקייט (שפּרינגט פֿון אָרט): —

כ'האָב אין פֿייער פֿלאַם אַן אונטערגאַנג דערזעהן,
ס'האָט דער טייוול זיך צעלאַכט כאַ־כאַ־כאַ.

(ס'געלעכטער הילכט אָפּ אין ברייטער ווייטקייט. הערשער ווערט בייז. הויבט זיך אויף. קינד לויפֿט אָפּ און פֿאַרשווינט. הערשער רעדט:

הערשער פֿון דער וויסטע (צו זיך): —

„אין פֿייער פֿלאַם אַן אונטערגאַנג דערזעהן" —
אזוי האָט דאָס קינד די אייביקייט געפּלוידערט.

ערשטער רויבער: —

אַן אויסגעטראַכטער געדאַנק.

צווייטער רויבער: —

ס'האָט דער ווינט זיך בלויז צעשפּילט.

פֿערטער רויבער:

דער זאָן פֿון דער וויסטע שמעקט מיט שטאָטן שטויב
און ער לויפֿט פֿון אונז;
ס'איז זיין פּנים טרויריג און גרוי

האָסט ער אונז.

אים ציט אין שטאָט:

צו די טויערן,

צו די מויערן,

צו אַ וואַנט אַ הויכער,

צו אַ — „זי״...

אַזוי האָבן געפֿאַנגענע דערציילט.

הערשער: —

זאָל דער טייוול אים פֿאַרנאַרן.

(עס ראַשט די טאָכטער פֿון דער וויסטע פֿון ערגעץ אַ ווינקל צום פֿייער צו, רעדט:)

טאָכטער פֿון דער וויסטע: —

הערשער דו, ס׳האָט דער הימל זיך צעשפּאָלטן

און אַ צייכן מיר געוויזן

אַלע רויבער (דערשראָקן): —

און אַ צייכן דיר געוויזן?!

אָ!.. אָ!..

טאָכטער: —

ס׳האָט דער זאָן זיין הייל פֿאַרלאָזן,

ס׳איז דער זאָן אין שטאָט פֿאַרשוואונדן

מיך, זיין רייץ, פֿאַרלאָזן.

אַלע רויבער: —

אָ!... אָ!...

ס׳האָט דער זאָן אין דיר פֿאַרגעסן?

זאָל דער ווינט אים היינט פֿאַרשלינגען.

הערשער:

האָט דער זאָן פֿון וויסטע אונז פֿאַראַטן?
אין שטאָט צי זיי פֿאַרשוואוגדן?
צי די מויערן?
צי די טויערן?

ערשטער רויבער: —

די טאָכטער פֿון דער וויסטע זאָל דאָס זאָגן —
ס'איז דער סוד פֿון איהר האַרץ.

צווייטער רויבער: —

ס'האָט זיין האַרץ היינט גאָר פֿאַרביינקט זיך
צו די שטאָטיש צאַרטע לייבער.

טאָכטער: —

זאָל זיין ברוסט די שאַרף דערפֿילן,
זאָל די שטאָט מיט בלוט זיינס צירן,
זאָל זיין בלוט אין רינשטאָקס פֿליסן
און דער ווינט וועט לאַכן, לאַכן.

(שטיל, אין דער שטילקייט אַן עכאָ פֿון וואַלד. אַלע הערן זיך איין. טאָכטער לויפֿט אָפּ. שטימען קומען נענטער. ס'ערשיינען זאָן און טאָכטער.)

זאָן פֿון דער וויסטע: —

אָהאָ!!
אָהאָ!!
ווי געגריסט מיין הערשער דו,
זייט געגריסט איר ברודער דאָ,
איך קום פֿון ווייטען וועג
מיין דורשט געשטילט,

דעם וועג געזוכט —
דעם סוד פֿון זיין געזוכט.

אלע רויבער: —

ס'האָט דער זאָן פֿון שטאָט אַ פעסט געבראַכט.

הערשער (כייז): —

ביי וועלכן טויער?
ביי וועלכן מויער?
ביי וועלכן שלאָס?
וואָס איז דיין רויב?

זאָן פֿון דער וויסטע: —

דעם סוד פֿון מיין זיין,
די נעסט פֿון מיין געבורט,
„זי" — דעם סוד פֿון מיין געבורט געזוכט,
אונטער ווענט פֿון גאָט געפֿונען (גראָבט איין זיין קאָפּ אין זיך.)

טאָכטער: —

ס'האָט דער זאָן זיך היינט באַטרונקן,
אין אַ צווייטע,
אין אַ דריטע,
אפשר טויזנטער דערמאָנט זיך.

זאָן: —

ניט דיר געהער מיין ליד,
ניט דיר געהער מיין זיין (וויינט דערשטיקט).

הערשער: —

וועלכער גייסט רעט פֿון דיר אַרויס?

וועלכער קירכן קלאַנג האָט דיר באַרוישט,
וועלכע פֿרויען־רייץ האָט דיר באַטויבט —
ס'האָט דער זאָן אַ שרעקנס גייסט געבראַכט.
(ס'הערט זיך דאָס אָנקומען פֿונם קינד ווינגענדיק:)

קינד די אייביקייט: —

כ'בין דאָס קינד די אייביקייט;
אַ שטערנדל בין איך,
ווער געבוירן און פֿאַרשווינד;
אַ קיצעלע בין איך,
צינט זיך אָן און לעש זיך אויס;
אַ שפּריצעלע בין איך
לאַך איך און איהר לאַכט מיט מיר —
כאַ־כאַ־כאַ!!!
כאַ־כאַ־כאַ!!!
איך בין דאָס קינד די אייביקייט.

אלע רויבער: —

אונזער הערשער הערט?
ס'איז דאָס קינד די אייביקייט!

הערשער (צום קינד): —

קום צום פֿייער צו
שטורקע שטורק,
טרייב און טרייב
פֿונק נאָך פֿונק,
זוך אויס דעם סוד פֿון אונטערגאַנג
און פֿון געבורט.

ק י נ ד (קומט צום פייער צו): —

כאַ־כאַ־כאַ איך לאַך

און לאַכט מיט מיר,

כ'זוך און זוכט מיט מיר —

דעם פונק וואָס איז געווען און וועט ניט זיין.

אַ ל ע ר ו י ב ע ר: —

ס'איז דער שרעקנס גייסט אליין.

ז אָ ן: —

ס'איז דער אָנזאָג פון פאַרגיין

און פון געבורט,

פון אַ נייעם פרישן טאָג —

אויפגאַנג הייסט דער טאָג;

ס'וועט אַ נאָמען זיין..

שאַנדע וועט קיין שאַנד ניט זיין.

ק י נ ד: —

כ'בין דער אָנזאָג פון פאַרגיין,

לאַך־זשע מיט, דו, זאָן;

כ'בין דער אָנזאָג פון געבורט,

פריי זיך מיט, דו, זאָן,

שאַנדע וועט קיין שאַנד ניט זיין.

(אַלע הייבן זיך אויף קערן זיך אָפּ אויף אַ זייט. פיראַטן שלעפּן געפאַנגענע מיט. טאָכטער, הערשער, זאָן, קינד בלייבן נ'מיטן גאַנג.

ה ע ר ש ע ר: —

זאָן פון דער וויסטע!

ווּעלכן סוד באַהאַלטסטו פון אונז?
דיך ציט אין שטאָט,
שימל שטאָט,
טומל שטאָט,
קוימען רויך,
קלאַפּ און רויש,
שוויים און אַנקס —
וועלכן סוד באַהאַלטסטו פון אונז?

זאָן: —
פרעג דאָס קינד די אייביקייט.

קינד: —
הערשער דו!
הער זיך צו צום האַרצן טיק
וועסט אַ סוד דערגיין,
וועסט אַ פיין דערפילן,
וועסט אַ גייסט דערזעהן —
פלאַטערט ער דער גייסט
און ער מאָנט
און ער רופט,
און ער זוכט די נעסט פון זיין געבורט;
זוכט אַ נאָמען פאַר זיין זיין —
איז דאָס קיינמאָל ניט געווען,
וועט עס קיינמאָל אויך ניט זיין;
ס'איז אַ װינדערן די „זי" —

די נעסט פֿון זיין געבורט,
קומט די שעה פֿון איר פֿאַרגיין
און ס׳וועט קיין נאָמען זיין (שטורקעט אַלץ אין פֿייער).

טאָכטער: —
אונטער וועגט פֿון גאָט באַהאַלטן
כאַ־כאַ־כאַ!!!
לאַך דו פּרינץ,
קום מיט מיר צום קוואַל און טרינק,
טרינק זיך און פֿאַרגעס דיין פּיין,
נאָמען — איז אַ מאַסק פֿאַר זינד —
ביזט דאָ מיט מיר, מאַך פֿילן דיין זיין...

זאָן: —
אַ פֿוילע שטיק פֿלייש האָט מיר אויסגעשפּיגן,
פֿון שטאָט און וואַלד פֿאַרטריבן,
יעדער מאָרד איז מיין ווערק;
מיין נשמה איז מיט גיפֿט פֿאַרפֿולט
און זי זינגט איר ביטערן געזאַנג
צו אַ טאָג וואָס פֿאַרגייט (צו די טאָכטער):
זינג מיט מיר
דאָס ליד פֿון פֿאַרגיין.

טאָכטער: —
איך זינג נאָר בלויז,
טאַנץ נאָר בלויז
פֿאַר דעם טאָג וואָס פֿאַרגייט,
פּורפּור רויט איז זיין קאָליר,
טראַ לאַ לאַ,

טראַ לאַ לאַ,
איך זינג נאָר בלויז.

הערשער: —

ס'האָט די נאַכט שוין באַלד געעקט,
ס'ווערט דער הימעל בלויער בלוי;
ס'האָט דער ים זיך איינגעשטילט
לאָמיר גיין און גיין און גיין
צו דעם ברעג פֿון דעם ים.

קינד: —

זאָל דער קעניג גיין און גיין
צו דעם ברעג פֿון דעם ים,
זאָל ער זוכן שעהן לאַנג
וועגן, וואו דער טאָג קומט אָן —
ביז די שעה, זי קומט צוגיין,
זאָגן וועט דאָס לעצטע וואָרט —
די שעה פֿון פֿאַרגיין.

טאָכטער: —

וואָס פלוידערסטו?
וואָס שרעקסטו בלויז,
פלוידערזאַק!

הערשער (צום זאָן פֿון דער וויסטע): —

זאָל דיין גאַנג דער גרעסטער זיין,
זאָל דיין ליד דאָס שיינסטע זיין,
לאָמיר גיין...

אלע (גייען אָפּ זינגענדיק. בלויז דער פרינץ באַהאַלט זיך אויס): —

צו דעם ברעג,
צו דעם ברעג,
וואו ים בלויז שוימט זיך;
צו דעם ברעג,
צו דעם ברעג,
וואו זאַמד בלויז קריגט זיך,
צו דעם ברעג (אָפּ).

זאָן: —

דאַרפֿסט נאָר לאַבן, לאַבן, לאַבן,
אין די פֿויסטן לאַבן, לאַבן;
אין גרויער רינג פֿון אייביקייט
האָט דיר אַ „זי" אַהער געבראַכט
און באַהאַלטן זיך פֿאַר שאַנד
אונטער שטילע, דיקע ווענט פֿון גאָט —
דאָרט איז גוט צו זינדיקן,
דאָרטן ווערט די זינד פֿאַרגעבן.

(ס'הערט זיך דאָס קומען פֿונם קינד די אייביקייט. ערשיינט דאָס קינד מיט אַ פֿלאַקער פֿייער אין האַנט; לעשט אים אויס בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג פֿון הייל).

קינד: —

איך קום פֿון ווייט צוגיין,
פֿון שטאָט,
ס'ברענט אַ פֿייער דאָרט,
דאָס פֿאָלק איז צאָרנדיק;
פֿרומע שלייערס רייסן זיך,

שטאַרקע ווענט צעבּרעכן זיך —
גאָטעס וואָרט איז שאַנדע בּלויז,
נאָטעס ווענט צערשטערן זיך —
דאָרט וואו זינגר האָט ליד געזונגען,
פאַר אַלטאַר וואו אַלץ ווערט פאַרגעבּן,
און די זינדערגס פון דאָרט פאַרטריבּן;
ס'האָט די וואַנט זיי איצט פאַרראַטן —
לאַך, דו, זאַן!
ס'וועט אַ נייער טאָג געבּוירן —
אויפגאַנג וועט זיין נאָמען זיין —
ס'וועט די שאַנד קיין שאַנד ניט זיין!

זאַן:

וואָס מאַטערסטו?
וואָס פּייניקסטו?

קינד: —

כ'האָבּ אַ גרוס פאַר דיר,
פון אַ ווייט אַ גרוס;
וואַש זיך אָפּ דיין קויט,
ס'קומט דיין העכסטע שעה,
שאַנד איז שאַנד ניט מער —
זי קומט אין שוואַרץ געהילט
און טראָגט פאַר דיר דיין טאָג.

זאַן: —

ווער איז זי ווער?

פֿון אונטער וועלכער וואַנט,
צי וועלכן ציל?
וועמען זוכט זי דאָ אין טונקלקייט,
אין שטילער ליבער בלויקייט
פֿון אַ נייעם פֿרישן טאָג?

קינד: —

צאָרן ניט, דו, זאָן,
קענסט זי גוט,
ביזט דער טיק פֿון איר האַרץ;
ס'האָט די שטאָט זי אַהער פֿאַרטריבן,
ס'האָט איר שלייער זיך צעריסן
און איר נאַקעטקייט איז פֿריש.

זאָן: —

איז איר נאָמען דיר באַקאַנט?
זײַנען אירע אויגן טיף?
האָסטו איר געשטאַלט געזעהן?
זײַנען אירע האָר אין קויט?
איז איר לײַב מיט וואונדן פֿול?
איז איר שטים אַ שטיינערנע?
איז איר האַרץ אַ שטאָלענע?
איז איר געשטאַלט ווי מײַנער גלײַך?
ציטערן די ליפּן שנעל?
רועז קושן זינדיקע?
אָה, קינד די אייביקייט!

וועלכע זינד איז דיר באַקאַנט?
איז איר האַרץ אַ שטאָלענע?
וועט מיין פֿייל זי לעכערן?

קינד: —

דאָרטן גייט זי ביים דעם אָנהויב פֿון דעם וואַלד,
דאָרטן טראָגט זיך שטויב אַרום איר;
זי קומט פֿון גאָטעס הויז,
אַלע פיינען אויסגעשטאַנען,
ליד נאָך ליד געזונגען,
טרינק נאָך טרינק געטרונקען,
פֿון דעם בעכער פֿול מיט זינד,
און די ברוסטן זיין׳ ענטבלויזט,
זוכט פֿון קוואַל די טיפֿעניש,
צו פֿאַרטרינקן זיך,
צו פֿאַרגעסן זיך,
צו פֿאַרגיסן זיך, —
דו ביזט יונג,
טרינק,
דיין קוואַל,
שעפּ,
כאַ־כאַ־כאַ,
ס׳וועט גרעלעכטער זיין,
ס׳וועט גרעלעכטער זיין.

(אַפּ).

(ס'ערשיינט מענש פֿון שטאָט אין שוואַרץ געהילט):

זאָן: —

ווער ביזטו געשטאַלט אין שוואַרצן געהילט?
פֿאַר וואָס איז דיין פּנים אַזוי פּאַרמעט־געל
און דאָך אַזוי שיין?
האָסט געבראַכט די זון פֿון נייעם טאָג —
רייצט מיר מיט דיין פֿייער־בליק,
מאַכסט מיין האַרץ אַלץ קלאַפּן האַסטיקער;
מיין נשמה פֿלאַטערט און פֿליט צו דיר,
טרינק זי אָן מיט רייץ פֿון דיין פּראַכט
און דו וועסט מיין חבר זיין.

מענש פֿון שטאָט: —

פֿון אַ וויטן, וויטן וועג איז מיין גאַנג,
אין די טיפֿקייט פֿון אַ האַרץ איז מיין ציל.

זאָן: —

מיין האַרץ איז קאַלטער שטיין,
הענט מיט בלוט פֿאַרפֿלעקט,
זוך איך אויך אַ האַרץ,
רייסן פֿון אַ וואַרמע נעסט;
כ'האָב ליב דאָס צאַפּלדיקע האַרץ —
שווייגסט?
זאָג, ווער ביזטו שיין געשטאַלט?

מענש: —

כ'וויל דיין חבר זיין!

דיר פֿעלט אַ גלי?
טרינק זיך אָן מיט מיין גלי;
ס'איז דיין האַנד מיט בלוט פֿאַרפֿלעקט?
כ'וועל זיי דיר אין פֿריידנס-טרערן טובלן.

זאָן: —

ביזט מיין טרייסט,
קום נענטער אהער צו מיר,
דעק אויף דיין שוואַרצן טוך,
לאָז מיך טרינקן פֿון דיין קוואַל,
דעם דופּט פֿון דיין ווייסן לייב, —
דאַכט זיך האָסט צווייי וועלטן רונד —
לאָז מיך טוליען זיך צו זיי —
וועלטן צוויי...

(פֿירט זי אויפֿן וועג צו דער הייל. גייט אריין ריידנדיק:)

טרינקן און פֿאַרטרינקן זיך.

(ס'שטילט איין. די הייל מאַכט זיך צו פֿון אינוויייניק. ס'לויפֿט דאָס קינד פֿון אונטער קוסטן ארויס, טראָגט מיט זיך דאָרע צווייגאַלאַך, וואַרפֿט זיי אויפֿן פֿייער וואָס נעבן הייל, פֿלאַקערט פֿייער אויף טאַנצט דאָס קינד אַרום פֿייער זינגענדיק:)

קינד: —

טרינקן און פֿאַרטרינקן זיך,
גיסן און פֿאַרגיסן זיך,
פֿייער זאָל צעברענען זיך,
וואונדן און פֿאַרוואונדן זיך,
אַט אַזוי,

אָט אַזוי, אַזוי,
טראַלאַלאַ, טראַלאַלאַ —

(ס׳רייסט זיך אויף דער שטיין פֿון הייל, ס׳ראַשט פֿון דאָרט דער זאָן מיט שטורם, מיט ווילדן כעס שליידערט ער דעם פֿייער אין הייל אַריין גרילצנדיק:)

זאָן: —

קוויק זיך מיט דיין פּראַכט,
זאָל דיין שיינע שטיק פֿלייש זיך בראָטן דאָרט,
זאָלן אויך פֿלאַמען זיך באַהעפֿטן,
זאָל דיין שטאָט־דופּט שטינקן בלויז,
דו, נעסט פֿון מיין זיין;
זאָל דיין לאַך דער לעצטער זיין,
דיין! —
אַלץ דיין —
דיין אייגן מייסטערווערק;
זאָל דיין ליד פֿון זינד די לעצטע זיין!
און דער מאָרגן איז מיינער דאַך!

(לויפֿט אָפּ און ס׳קינד שרייט נאָך:)

קינד די אייביקייט: —

זאָל מאָרגן דיין מאָרגן זיין!
האָסט אַ קוש פֿון איר געהאַט
און געזועטיקט זיך ביז זאַט?...
זאָל מאָרגן דיין מאָרגן זיין!

(אָפּ).

(ס׳הערט זיך אַ געשריי פֿון דעם ברעג — אָ־ה־אָ! אָ־ה־אָ! — ס׳ברעכט אויס אויף טאָג. פֿון הייל הערט זיך אַ לעצטער קרעכץ).

אין שטילקייט.

מיין ווילן.

אויף וועב־שטול שטאָלענע,
וועב איך מיין מאָרגן אויס —
זייד נאָך זייד,
זייד נאָך זייד —
שפינט זיך אַ בלימל אויס,
שפינט זיך אין פֿולער גרויס — מיין ליד
אויף וועב-שטול שטאָלענע.

אויף שפיזלען גלאַנציקע,
שפין איך אַ לייוונט אויס, —
אויג נאָך אויג,
אויג נאָך אויג, —
שפינט זיך אַ טעפּאַך אויס,
דעקט ער און שפרייט ער אויס — מיין וועג
אויף שפיזלען גלאַנציקע.

אויף קאָוואַדלע אייזערנע,
שמיד איך מיין שיקזאַל אויס —
פֿונק נאָך פֿונק,
פֿונק נאָך פֿונק —
היצט זיך דער חושך אויף,
שמיט זיך אַ קייטל אויס — מיין ווילן
אויף קאָוואַדלע אייזערנע.

ס. פאַלמע

פֿריינד מיין.

פֿריינד, אָ, ליבער חבר מיין!
איך האָב אַ דענקמאָל דיר געבויט
נאָך ביי דיין לעבן —
ניט פֿון שטיין
און ניט פֿון בראָנז,
נאָר פֿון לויטערן געזאַנג אַ שטילן,
וואו דו שלייכסט זיך דורך אין יעדן פֿערז
און אין יעדן קלאַנג;
און פֿון קיינעם ניט וועט דאָס ליד געזונגען ווערן,
ביי מיין לעבן,
נאָר פֿון מיר אַליין,
אין דער שטיל,
בלויז אין אומעטיקע באַנגע שעהן —
ביז עס וועט די שעה פֿאַרגיין
פֿון מיין זיין
און אייביקייט;
דאַמאָלס וועט דאָס ליד דאָס שטילע
אויסשיילן זיך פֿון בלויען רויזן־טול
און וועט פֿאַרפֿלאָכטן ווערן צווישן לידער-קרענץ
אַזוי, אַז ס׳וועט עס קיינער ניט דערקענען;
און זינגען וועט דאָס ליד אַ זינגער,
אַ שיינערער ווי איך,
און שווייגן וועט דער זינגער,

וועןדאָס ליד וועט זיין צו ענד,
און ניט טראַכטן מער, —
בלויז מיין נאָמען וועט דערמאָנט זיין,
ווי עס ווערט דערמאָנט אַ דיכטער נאָך געזאַנג.
אָבער דו, מיין פריינד,
וועסט נאָך אַלץ ניט עקזיסטירן
אין דעם וואָכעדיקן מענטשישן געדראַנג
און וועסט פאַרבלייבן אַלץ אַ דענקמאָל
אין דעם הייליקן געוועב פון מיין ליד —
אין מיין בוך —
אין אַ צאַרטן לידער־קראַנץ פאַרפלאָכטן
און זינגען זאָלסט עס אין דער שטיל,
בלויז אין אומעטיקע באַנגע שעהן,
נאָר ניט פאַרטראָג ווי דיינע טענער
אין דעם גאַסיקן געלויף,
בלויז פאַר זיך אַליין
אין דער שטיל,
זינג,
ביז דיין צער וועט אויסגערונען זיין.

גלויבן.

(מיין חבר, מאַקס ראַדאָמסקי׳ן, געווידמעט.)

I.

אַליין אין מיין הייליקן טעמפּל
פאַרטרויערט, פאַרזונקן אין צער,
אין שטילינקע תּפלות פאַרברייננ איך
געבעט צום ניט־זעבאַרן האַר.

כ׳וואַנדער פון טויער צו טויער
אַליין מיט מיין טרויער אַרום
באַגעגן איך גאָטישע גייסטער,
באַגעגן איך... רויך אומעטום.

זוך איך פאַר יאָרן דעם גלויבן,
איך פּראַל אים ברייט אָפן מיין טיר;
צעריים זיי די טויזנטער זיגלען
און רוף אים דעם גלויבן צו מיר.

און קומט ער דער מלאך אין ווייסן,
פאַרפולט ער מיין זעלע מיט פריד;
זינג איך פאַר אים מיינע לידער —
כ׳זינג זיי נאָר שטילינקערהייט.

.II

אָ, גלויבן מיין איינציקער חבר,
מיט ליבע עמפּאַנג איך דיך שטייץ —
פּאַלאַץ נאָך פּאַלאַץ איך בוי דיר
באַפּוץ זיי מיט בלומען און רייץ.

אָ, גלויבן פֿאַרשוועך ניט דיין נאָמען,
פֿאַרשוועך ניט מיין גלויבן אין דיר;
ניט לעסטער מיין הייליקן טעמפּל,
ניט קום מיט אַ שפּאָטן צו מיר.

פֿאַר דיר נאָר איך זינג מיינע לידער,
פֿאַר דיר נאָר איך פּראַל זי די טיר,
פֿאַר דיר נאָר איך בויע געצעלטן,
פֿאַר דיר נאָר, אָ, גלויבן, פֿאַר דיר.

און ועסטו מיך איינמאָל פֿאַרלאָזן
מיט לעסטערונג, אויסלאַכעריי,
דאַן ווייס אַז איך ברעך זיי די צעלטן
און בויע זיי אויף אויף דאָס ניי.

III.

אין מדברדיקע זאַמדן האָסטו זיך באַוויזן,
מיט אַ פּנים העל און לויטער
און ניט געוואוסט האָב איך דיין נאָמען
האָב איך דיך אַזוי גערופן:
גאָט פון טויזנט זונען.
זינג איך,
כ'וועל באַזינגען דיינע וואונדער
אין דעם טעמפּל פון דיין גרויסקייט.

אָ, גאָט פון טויזנט זונען,
בלייב נאָר דו מיין אויסערוויילטער
און פאַרנעם מיין שטילע תפלה;
זעסטו ניט די פּויסטן בלומען,
ווי איך טראָג זיי אין דיין טעמפּל
און איך ציר דיר אוים דיין נאָמען?
זעסטו ניט ווי ס'העלט זיך חושך
ביי דיין קוים דערמאָנטען נאָמען?
בלייב אין חושך און באַהעל אים
און פאַרשטאַרק אין מיר מיין גלויבן,
אין דיר, אָ, גאָט פון טויזנט זונען.

און וועט דיין פּנים זיך פאַרכמאַרן,
וועט אַ פינסטערניש מיר שטיקן;

וועט פֿאַרלאָזן דיר דיין זינגער, —
דיינע טעמפּלען,
דיינע וועגן,
און אויסשרייען וועט דיין זינגער
מיט אַ קול פֿון אַ פֿאַרנאַרטן:
היל מיך איין דו מדבר־חושך,
היל מיך איין!

וועסט ניט דאַמאָלסט עקזיסטירן,
ס׳וועלן בלומען גאַנצע בונטן
פֿון דיין נאָמען דעם באַצירטן
זיך אָפּטרייסלען האַלב פֿאַרוועלקטע
און קיין פֿרישע וועט ניט קומען;
אַ פֿאַרלאָזטער וועסטו בלייבן
אין דיין גרויס געמאַכטן טעמפּל,
און וועט עס אפשר מיר פֿאַרדריסן
און דעם גרעסטען ווייטאָק שאַפֿן,
וועל איך דאַן דעם שמערץ באַהאַלטן
און כ׳וועל שווייגן, שווייגן, שווייגן...
און דערשטיקן וועל איך טרערן,
און כ׳וועל וואַנדערן אין מדבר
אָן אַ ווילן און אָן אַ גלויבן,
שטילערהייט ווי שטיין בלויז שווייגן,
שווייגן, שווייגן, שווייגן...

מיין לאַלינאַ

כ׳האָב גענאַרט דיך, מיין לאַלינאַ
און צעריסן דיינע בלומען;
כ׳האָב געוואָרפן זיי אויף וועגן,
האָבן ווינטן זיי פאַרטראָגן
בלעטל דאָ און בלעטל דאָרטן —
בלויז אַ ריטל איז פאַרבליבן.

וועל איך זוכן דיך, לאַלינאַ,
כ׳וועל געפינען דיך אַ שטילע
אָפגעשלאָסען אין דיין חדר,
איינגעטונקען בלויז אין טרויער.

זאָלסט ניט וויינען,
זאָלסט ניט שלוכצן —
בלויז אַ פריידנס־טרער אַ לעצטע
זאָלסטו לאָזן אויפן ריטל,
וועלן נייע בלומען קומען,
מיט געזאַנג פון נייעם פרילינג
אויסגעוועבט אין שעה פון בענקן;
ביידע וועלן מיר זינגען
פון אַ ניי דערשפינטן חלום,
וואָס דער עלנט האָט געבוירן,
וואָס פאַרהייליקט אים האָט טרויער.

ס. פאַלמע

רויטע רויזן

און וועסטו פֿרעגן מיך פֿון וואַנען —
צי פֿון דאַנען צי פֿון דאָרטן ?
וועל איך שווייגן און ניט ריידן —
בלויז מיין רויטלען זיך וועט ווייזן
און דערציילן,
אַז אין טיפֿקייט פֿון נשמה
האָב איך בלויז לאַלינאַס נאָמען
איינגעקריצט,
און פֿאַרשלאָסן האָב איך טויערן
און מיט בלומען זיי באַהאָנגען,
נייע פֿרילינגדיקע בלומען.

און וועסטו פֿרעגן מיך אויף לידער
ניי געשפּינטע,
ניי געוועבטע,
זאָלסטו שטיל זיין, — וועסטו הערן,
אַז עס זינגט זיך,
אַז עס שפּינט זיך:
יעדער קלאַנג, לאַלינאַס טרויער,
יעדע זילבע פֿרישער פּערל,
יעדעס פּערעלע אַ טרער דיין ;

זאָלסטו מער ניט וויינען, מיין לאַלינאַ,
האָסט געגנוג שוין נייע לידער
און אויף פֿרישע וועלן מיר וואַרטן, —

ס. פּאַלמע

און כ׳וועל קומען שטיל, באַהאַלטן,
לעצטע פּייכקייטן אויסזויגן
פֿון די אויגן דיין — לאָלינאַ,
און דערוועבן וועט דיין דיכטער
ס׳לעצטע ליד זיין —
דיר מיין ליבסטע —
אַ מתנה.

ס. פּאַלמע

אין שעה פון פארגיין.

אין די שעה פון מיין פאַרגיין,
זאָלסטו קומען צו מיין בעט
אָנגעטאָן אין יום־טוב קלייד, —
אָט אַזוי זיך שטילערהייט,
זאָלסטו בלייבן שטיין ביי מיר,
ביז עס וועט מיין שעה פאַרגיין.

אין די שעה פון מיין פאַרגיין
זאָלסטו זינגען מיר מיין ליד —
פון אַ טאָג וואָס איז געווען,
וואָס איז געווען און וועט ניט זיין —
אָט אַזוי זיך זינג און זינג
ביז עס וועט מיין שעה פאַרגיין.

שפעטער גיב אַ בליק און שש־ש־אַ,
ניט קיין שאָרך —
אָט אַזוי זיך סתם אַזוי,
מיט אַ רויטע רויז אין לאָץ —
גיי זיך ערגעץ וואו אַהיים,
סתם אַזוי ווי ניט געווען.

ס. פאַלמע

שווייגנדע.

שטילער, שטילער,
רייד ניט הויך,
הער זיך צו צום האַרצן טיק,
צייל זיי אײנציקווייז אַזוי —
טיק־טיק־טיק...

דאַכט זיך שוואַכער ווערט דער טיק
און זי פֿרעגט:
איז נאָך נאַכט?...

און איך בלייב ביי איר בעט,
שפּאַר זיך אָן האַרט ביים ראַנד,
קוק זיך צו מיט ווײ און פּיין
צו די בליקן וואָס וואַנדערן,
און זי פֿרעגט:
איז דער וועג נאָך ווייט?...

און זי עפֿנט אויף איר ברוסט
און ענטפּלעקט פֿאַר מיר איר גרויס
און... אַ פֿלאַם האָט מיך באַהעלט:
— ברייטער עפֿן אויף,—
ענטפּלעק פֿאַר מיר דיין גאַנצע גרויס —
אָט אַזוי...

אַט אַזוי שלינג מיך איין,
טרינק מיך אָן פֿאַר אַלע מאָל,
שטיל מיין גליענדן געזאַנג
מיט דיין צער,
ביז דו וועסט פֿאַרשכורן מיין זיין
פֿאַר אַלע מאָל...
... ...

ש-ש-ש-ש-אַ...
שטילער ווייט,
איך דערקען אין איר כּריפּ,
אין איר ציטערדיקע ליפּ,
אַט, אַט, און זי פֿאַרגייט.

כ׳האָב אָפּגעפּרעסט אַ קוש
אויף איר געלע דאַרע באַק,
און געשעפּטשעט אין דער שטיל:
אַ גוטע נאַכט, אָ, ליבסטע, דו, —
האָסט עס קיינמאָל ניט געהערט,
האָסט עס קיינמאָל ניט געזאָגט —
אַ גוטע נאַכט!
אַ גוטע נאַכט!

אין דער רויטער שטאָט.

אין א טאָג.

I

אין אַ אויפגעברויזטן קעסל האָב איך אייך געפונען,
איינגעטונקן בלויז אין רויטן האָט איר אייך פאַרקרומט זיך,
אויף אַ חתונה געפילט זיך און אַ שדים-טאַנץ געגאַנגען,
איין מאָל חוצפהדיק פאַרשייטע
און אַ צווייטן-מאָל פאַרפולט מיט פיינען,
און ווי הונגעריקע הינט געשלעפט זיך, קוים די ערד באַטראָטן
און געקוקט אויף רעכטס און לינקס מיט גולדיקע אויגן
און פון זיך אַליין אַ שפּאַס געמאַכט, אַן אויסגעקרימט געלעכטער.

אַלע שפּיגלען האָט איר אויסגעבראָכן—זיך ניט דאָרט צו קענען,
און האָט איר אַלץ פאַרענדיקט, האָט איר זיך אויף גאַס געלאָזן,
אין אַ וואַקכאַנאַליע — עפּעס אויסצוזוכן;
אויף יעדן רינשטאָק האָט איר זיך פאַרגאַפּיעט —
אפשר האָט אַ הונט וואו עפעס וואָס פאַרלוירן,
דאַן האָט איר זיך מיט ציינער-קריץ אויף הינטער שטאָט געלאָזן—
דאָרט וואו שוואַרצע ראָבן פּיקן די אַרויסגעוואָרפענע פגרים,
און א פולע מויל מיט סלינע האָט איר שלינג נאָך שלינג
געשלונגען,
און אַליין זיך אין אַ שוואַרצע ראָב פאַרוואַנדלט: —
אָפּגעשניטן שטיק נאָך שטיק פון דער קויטיקער נבלה
און מיט ווילדער פרייד פון גאַס צו גאַס געלאָפן,

און שפעטער צו געקוויקט זיך מיט שטינקעדיקן ביפסטייק...
ביז די בייכער זיין׳ ביי אייך געשוואָלן
און איינס נאָך איינס זיך אויסגעלייגט ווי זאַטע.

אָ, איר שטיינערדיקע רויט פאַרפוצטע טויטן־זינגער,
איר האָט דאָס שיינסטע ליד אין לעבן אָפּגעזוונגען,
איצטער, שפּרינגט אַרויף אויף העכסטע שפּיצעריקע דעכער,
רייסט אַרויס פון זיך דאָס לעבעדיקע לינג און לעבער,
און וואָרמערהייט זאָלט איר דאָס שמייסן איבער טורעמס,
איבער מויערן,
און זאָל דאָס טרעפן אין די אויפגעפּראַלטע רויטע טויערן
און דערשטיקן דאָרט דעם אויסגעקרימטע געלעכטער,
און זאָל דער רויטער צאָרן פרעסן און אויפרעסן זיך
און זיך זעטיקן מיט אייגנס און מיט פרעמדעס
און זאָל זיך קיינער ניט פאַרקרימען און דערשרעקן
פאַר דער אייגענער סטראַשידלע אָנגעקליידט אין רויטן.

רויטעס קינד.

.II

אין פורפור רויטע פאַרבן האָסטו זיך געפאַרבן,
אין דעם גרויסן טאָג פון דיין געבורט;
אין אַים פון צער און פיין האָט דיך דאָס מדבר־פאָלק געטיבלט,
זינגענדיק דערביי דאָס ליד פון אונטערגאַנג און פון געבורט.

רויטעס קינד!
האָסט אין בלומען זיך פֿארפלאָנטערט
און געריסן זיי די בלומען —
טויזנטער געבאָטן האָסטו אויסגעריסן,
טויזנטער געבאָטן האָסטו אָנגעשריבן;
טויזנט שווערע קייטן האָסטו אויפֿגעריסן,
טויזנט שווערע קייטן האָסטו אויסגעקאָוועט,
און דיין מדבר־פֿאָלק האָט יובלענדיק געשטורעמט:
„ס'איז דאָס רויטע קינד מיט ליכט,
לעבן זאָל דאָס קינד!" —
האָט דאָס פֿאָלק געהילכט,
האָט דאָס פֿאָלק געטאַנצט;
און אין טויזנטער, אין שורות
צו דעם קרעמל-טורם געלאָזט זיך,
נאָך דעם מוזיק-קלאַנג געגאַנגען.

האָט דיין פֿאָלק פֿון רויטן־זייד אַ חלום־אויסגעשפּינען,
האָט זיך בלוט נאָך בלוט אין דעם ויידן־טוך געהאַפֿטן,
האָסטו קינד געפֿרייט זיך,
האָסטו קינד צעשטיפֿט זיך
און דיין פֿאָלק איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען
צו די רויטע ווענט פֿארבוקט זיך,
און געזונגען די געזאַנגען,
ביז אין שפּעטער נאַכט געזונגען

און אין קייטן זיך געפּלאָכטן —
רויטע פּייערדיקע שלאַנגען.

ניט קיין יום-טוב,

.III

ניט מיט יום־טוב פרייד פאַרפולטן,
ניט מיט לעבנס-גלות צעפּלאַמטן
הוליעט איר, איר זינגער!
ניט מיט מאָרגן־זון צעגליטן,
ניט מיט פרישן טאָג געזעטיגט
זינגט איר אייערע לידער! —

אין אַ יאָמער־טאָל פאַרפייניקט,
אין די אויגן צער און גרויקייט
בראָושעט איר אין קויטן,
און אין האַרץ עס הערשט אַ וויסטקייט —
אָנע קלאַנגען,
אָנע שירה —
סתם זיך גרוי אַ מדבר,
בלויז פאַרשכורט מיט עקשנות
רייסט איר זיי פון דורות לאַנגע,
אַלטע גאָלדן-געטער, —
ווערן נייע פריש געבוירן:

רויטע ווײַנען זיי און בייזע,
מאָנען זיי דעם קרבן...
בלײַבט איר מיטן רויטן צאָרן,
בלײַבט איר מיטן צער פֿאַרגרויטן,
רויטע געטער מאָנען, —

האַלט זשע יום־טוב געצן־דינער,
הוליעט, האָפּקעט אין דער לופֿטן,
פֿרעסט אײַך ביז צום זאַט זיין!

ס׳האָט ווער געלאַכט.

.IV

האָט ווער ברייט גאוהדיק אַ לאַך געטאָן,
ווי אַ נביא אויפֿן קול אין מדבר זיך צעשריגן: —
אַרויס פֿון שטייג באַהאַלטענער,
אַ בעל תשובה ווער, דו, זינדיגער,
זינג אָפּ מיט פּיין דיין חרטה-ליד,
טובל זיך פֿאַרבלוטיגטע נבלה, דו,
און קום אַריין אין נעסט פֿון מענשלאַכקייט.

האָסט קנעכטיק צו דער ערד געפֿאַלן,
יאושדיק געציטערט און געבעטן:

פֿאַרגיב די זינד באַגאַנגענע,
פֿאַרגאַנגענע,
פֿון מיר און פֿון אַנדערע —
טויזנט גערטנער צעריסענע,
עקשנותדיק מיט פֿיס געטראָטן,
אָפּגעווישט מיט שימפֿערייען —
ווייל אַזוי האָט רויטער גאָט פֿאַרלאַנגט!

אָנגעצונדענע פֿאַקעלן האָט דיין אויג געבלענט,
לידער שטורמענדע האָט דיין גאַם פֿאַרהילכט,
נשמות פֿלאַטערנדע ט'זיך צו הויך געהויבן,
געקלעטערט און געקלעטערט,
רחותדיק געקלעטערט
אָן אַן אָפּשטעל, העכער, העכער,
שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל,
ביז ס'האָט וואו ווער אַ צווייטן לאַך געטאָן:

העי, דו, נאַקעטער,
ס'איז דער לייטער אַ צעבראָכענער,
ס'איז דער וועג אויף צוריק אַ צעשניטערנער —
וועסטו איצטער פֿאַלן און פֿאַלן,
טויזנט מיילען אַ רגע...

ס. פּאַלמע

רויטע יעגער.

.V

העי, ליידאַקעס, יעגער רויטע!
אָנגעזויפּענע מיט סלינע,
קומט און טיילט אייך מיט דער בכורה —
ניט פאַרשפּילט זיך,
ניט פאַרשלאָפן —
קייטלט אויף דאָס שטייגל-טירל,
שאָקלט אָפּ פון זיך די קויטן
אָנגעזאַמעלטע פאַר יאָרן,
שפּרייזט אַריבער זיי די טויטע,
שפּרינגט אַריבער און צעלאַכט זיך
מיט אַן אויסגעקרימט געלעכטער.

העי, ליידאַקעס, יעגער רויטע!
ניינ-און-ניינציג איינס — און הונדערט,
בין איך איינער אָנגעקומען —
שליסט מיר איין און ס'ווערט אַ הונדערט;
כ'בין אויך איינער וואָס קאָן לאַכן,
לאַכן, לאַכן, ביז צום פּלאַצן,
ביז צום וואַנזין שטענדיק לאַכן;
און צעזאַמען וועלן מיר שפּרייזן,
איבער לעבעדיקע-טויטע,

וועלכע וואַרטן אויפֿן קומען, —
אויף אַ שוואַרצן צאָג פֿון ווייטן, —
אין וואָקזאַלן,
אויסגעמישטע ווי די ווערים —
נאָמיר טרייטן!
פֿריער, שפּעטער, ס'קומט אַ מאָרגן —
וועט ער אַלעמען אָפּווישן,
אין די צענדליגער פֿאַרבאַנדלען,
אין די טויזנטער אָבוואַרפֿן,
אין די רייע באַרג נאָך בערגל,—
צווישן זיי אויך מיר און צווייטע —
שפּייז פֿאַר די הונגעריקע הינט און מענשן.

העי, ליידאַקעס, יעגער רויטע!
קומט זשע, איילט זיך אין די גאַסן,
כאַפּן פֿרישעס ווייב צעזינגטעס,
צוגעדעקט מיט פֿייגן־בלעטער:
הפקר! הפקר! רויטע יעגער!
ס'איז אַ נייע צייט געבוירן —
שאַנדע איז אַ זאַך פֿון נעכטן...
זוכט זי אוים און שמייסט זי דאָרטן,
די פֿאַרשעמטע אין דעם פּנים,
וועלכע רויטלען זיך און מורמלען,
וועלכע בויגן זיך און פֿאַלן.

העי, ליידאַקעס, יעגער רויטע!
ניינ־און־ניינציג — איך בין איינער,
איינגעפלאָכטן זיך אין פלאָנטער;
נאָמיר שפּרייזן
איבער לאַנגע ברייטע גאַסן,
ביי פאַרגלאַנצטע גאָלד־קופּאָלן —
דאָרט וואו טויזנט געטער שמאַכטן.

אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ טויער
פון אַ גרויסן קופּאָל-טורם,
אויסגעטאָן זיך ביז צום נאַקעט:
— נאַט אייך!!!
קליידער איז פאַרבאָטן —
אַלע גלייכע איז דאָס בעסטע!

— ווער איר אפשר הונגער פילן? —
זייט זשע דאָרטן מעלה-גרה
טויזנטער חלומות.

וואָס־זשע שווייגט איר רויטע ברואים?
וואָס־זשע ליגט איר אין די שימלען?
קומט און גרייט אייך צו אַ קבר,
אויב איר ווילט ניט נאַשוואַרק ווערן;
גרייט אייך צו אַליין אַ הייזל,

ווייט פֿון מענשן-אַפּעטיטן,
ווייט פֿון מענשנס רויטן צאָרן.

זייט איר הייסט עס וועגן פֿאַרטיק? —
נעמט אייך אָן איר ניין־און־ניינציק —
איך דער לעצטער גלייכע הונדערט.

אויפֿשטאַנד שעהן.

VI.

אויפֿשטאַנד שעהן,
שטורם קלאַנגען;
דאָ און דאָרטן סיגנאַלן שאַלן —
פֿאָנען רויטע,
שווערטן בלאַנקע;
דאָ און דאָרטן קאַמפּס-געזאַנגען —
גיסט זיך צאָרן,
שמיט זיך שטורם;
דאָ און דאָרטן פויקן פייקלען —
ברויזן מענשן,
גליען אויגן;
דאָ און דאָרטן בריזגן שויבן —
רייסט זיך בריקן,
קראַכן מויערן;

A 2824

דאָ און דאָרטן פֿלעקן רויטע —
מאַרך צערינען,
בלוט צעפּלאַסן;
דאָ און דאָרטן מענשן שלוכצן —
מישט זיך ביקסן,
מישט זיך שווערטן;
דאָ און דאָרט אַ מענשן פּלאָנטער —
גלאָצן אויגן,
מורמלען ליפּן;
דאָ און דאָרט — ס׳פֿאַרגייט אַ לעבן.

לויפֿן שעהן,
ס׳לויפֿט מינוטן;
דאָ און דאָרט אַ גאַס אַ שטילע —
אָפּגעשטאָרבן,
גאַסן — קברים;
דאָ און דאָרט — אַ מענש פֿאַרקנוילט זיך.

טאָג פֿאַרגאַנגען,
נאַכט געבוירן;
דאָ און דאָרטן קרעכצט אַ טויער —
שטיל אַ מדבר,
הייזער — קברים;
דאָ און דאָרטן ס׳ברענט אַ ליכטל —
שלוכצט אַ טרויער,

הערט אַ קרעכץ זיך;
דאָ און דאָרטן גייט אַ וואָגן —
ציטערט נאַכט אויף,
שרעקט זיך אומעט;
דאָ און דאָרטן — פֿאַלט אַ שטערן.

יובל מינוטן.

.VII

טאָג געזילבערט,
זון געגילדעט,
פֿיינט פֿאַטריבן —
לעבט די שטאָט אויף;
פראַלט זיך טירן,
טאַנצט דער לעבן —
יובלען קינדער.

רויטע בלומען,
רויטע סטענגעס;
שטורמען פויקן,
קלינגען לידער,
גיסט צונויף זיך
ליד און שלוכצן;
זינגט דער קריגער,

קרעכצט דער הונגער...
קלאָגט דער הײנט זיך
גלײך װי נעכטן;
שטײט דער מאָרגן און צעלאַכט זיך...
װערסטו בײזער —
פײַקעלסט שטאַרקער אין די פּויקן;
װערסטו מידער,
ס׳מאַטערט הונגער,
פֿרעגט דער הונגער:
װעמעס יום-טוב?
װעמעס יובל!?... —
שװײַגסט און װײסט ניט
— ס׳איז אַ יובל...
דײַנער?
מײַנער?
ס׳איז אַ יובל...

אָט אַזױ זיך פֿרײ זיך, ברודער,
קלײד זיך אָן אין בלויזן רויטן —
זינג פֿאַרזינג דײַן צער דעם שטילן.

לידער.

מיין גאָט.

I.

ש. וויט'ן אַ מתּנה.

ביז אין האַלבן אויסגעטאָן,
אויסגעהאַקט פֿון שטיין,
שטייט אַ נאַקעטער מיין גאָט
אין אַ ווינקל פֿון מיין הויז;
שמייכלט ער און ווינקט
און רופֿט
מיר צו זינגען אים אַ לויב;
זינג איך און איך קני פֿאַר אים —
פֿאַר מיין גאָט,
ביז אין האַלבן אויסגעטאָן.

גיס איך אויס פֿאַר אים מיין צער,
עפֿן אויף פֿאַר אים מיין האַרץ
און איך זאָג צו אים אַזוי:

מיין אויסערוועלטער גאָט!
כ'האָב דיך אויסערוועלט צום זיין
פֿאַר מיר אַ טרייסט —

אין די שעה פֿון אינערליכן פּיין;
טרינק מיך אָן און שטיל מיין דורשט,
שלים מיך איין אין וועלט פֿון ניט־זיין,
הייב מיך אויף אין העכסטער הויך,
גיס אַריין אין מיר דעם גייסט
פֿון דעם הויכן איבער מענש,
ביז עס וועט דער מענש דערפֿילן
פֿון מיין מויל דאָס שטאַרקסטע וואָרט...

שטייט ער שטום אַזוי דער גאָט,
שמייכלט נאַריש אָן א פֿאַרוואָס,
ווער איך בייז — פֿליך דריי מאָל אויס
שליידער איך דעם גאָט אַראָפּ
פֿון זיין העכסטן פּעדעסטאַל,
פֿאַלן שטיקער דאָ און דאָרט;
פֿילט זיך אָן מיין האַרץ מיט טריאומף —
לאַך איך און עס לאַכט מיט מיר,
מיט אַן אויסגעקרימטן מויל,
מיט א קרענקלאַכן גרימאַס —
דער שאָטן פֿון מיין זיין.

ס. פּאַלמע

דיין גאָט.

.II

רופֿסט מיר אָן: מיין גאָט!
נאַ!
מיין נאַקעטקייט איז דיין,
דיין רייץ;
וועקסט אַ ציטער אויף אין מיר
און דו פֿאַלסט,
בוקסט זיך צו מיין מיט,
צו מיין הויך
ברענגסט אַ קרבן מיר — דיין „איך",
דיין געדאַנק,
דיין יוגנט-זאַפֿט
און דו טרינקסט מיך אָן
און דו שטילסט מיין דורשט
און אַליין — דו ברענסט,
ברענסטו ביז אויף קויל,
אַש;
דאַמאָלסט שטילסטו איין,
מיט דיין האַנט דו זוכסט,
דראַפּעסט זיך אַרום

ס. פּאַלמע

אין מיין שטיינערנעם געשטאַלט
און דו בלאָזט צוריק דיין רוך —
— בלייבט ער דאָך מיין גייסט.
שטיי איך אויף צו דיר
און איך גרילץ:
קני פֿאַר מיר, דו, שקלאַף,
קני פֿאַר מיר —
דיין גאָט! —
מיין נאַקעטקייט איז דיין,
טרינק מיך אָן,
נייג אַרויס פֿון זיך דעם לעצטן טראָפּן רייץ,
צאָל אים אָפּ דיין גאָט,
געצן-דינער, דו!
קאָרצשע זיך פֿאַר פּיין
מיט פֿאַרדראָס:
האָסט מיך אויסערוועלט צום זיין —
דיין גאָט.

ס. פּאַלמע

מיין באַשאַף. (געווידמעט ל. מאַטעס.)

קום אַהער, דו, מיין אייגענעם באַשאַף
און לאָמיך דיך באַקראַנצן,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן,
אַז דער קאָפּ זאָל זיך פֿאַרדרייען
מיט אַ גאַליקן געלעכטער
אָט אין צווייען —
ביז מיין אייגענעם באַשאַף!

כ׳וועל אין טאַנצן מיך דערמאָנען אין דיין נאָמען—
וועל איך קושן דיך,
וועל איך צירן דיך מיט בלומען,
ביזט מיין באַשאַף,
מיין אייגענעם געלעכטער —
ועסטו שוואונדן נאָכן טאַנצן
מיט די קראַנצן
אויף די אונבאַוואוסטע וועגן,
וואו עס ווערט אַ גאָט געבוירן
און פֿאַרלוירן —

וואָלט איך קענען דיך צעדריקן,
קושענדיק אויף אַלע וועגן
און פֿון דיר מיין לאַך אויסנייגן
וואָלט איך דאַמאָלס טאַנצן, טאַנצן

אָנע מוזיק אָנע קראַנצן
און וואָלט בעטן ס'זאָלן דיך ווינטן, וואו פֿאַרטראָגן,
דיך אין שטערבליכקייט פֿאַריאָגן —
באַשאַף פֿון מיין אייגענעם געלעכטער.

ווּעסטו גאָט מיין קרימען זיך און בעטן —
נאָך אַ טאַנץ כאָטש, נאָך אַ לעצטן,
וועל איך טאַנצן, טאַנצן —
ס'איז דער לעצטער טאַנץ צום בעסטן.

טאַנץ מיר ניט.

אָ, טאַנץ מיר ניט און זינג מיר ניט—
כ'בין אַלץ איינס דאָך איצט געפֿאַנגען,
כ'האָב מיין אייגן איך געקרייציגט
און פֿאַרבליבן אָן פֿאַרלאַנגען.

ניט מיט שלעסער, ניט מיט ריגלען
איז מיין טויער אָפּגעשלאָסן,
בלויז דיין מילדקייט איז מיין וועכטער —
האָסט מיט גוטקייט מיך פֿאַרגאָסן.

ס'האָט דיין שמייכל מיך געפֿאַנגען
און מיין אייגענעם צעפּרעסן,
בלייב איך אין זיך אָפּגעשלאָסן
און פֿון אַלעמען פֿאַרגעסן.

וועל איך אין זיך לאַנג נאָך בלייבן
און באַהאַלטן אים דעם טרויער;
וועט דיין מילדקייט קוים פֿאַרשוואונדן,
וועט זיך עפֿענען מיין טויער.

טייוול פֿון מיין יוגנט. (פֿון דער סעריע זינד.)

וואַרט ניט היים־צעגליטער טייוול מיינער,
לייג זיך אויף מיין האַרץ ענטבלויזטן,
זויג דאָס הייסע בלוט דאָס יונגע,
טרינק עס אויס און מאַך זיך פֿריילאַך,
טוליע מיך און קלאַמער מיך,
רייץ די גלידער מיין און שטיף.

ביזט דער טייוול פֿון מיין יוגנט,
נעם וויפֿיעל דו ווילסט נאָר;
כ'האָב ליב דיין ווילד צערייצטן טאַנץ,
ווען דו דרייסט זיך פֿינקלען דיינע אויגן;
כ'האָב זיי ליב די ביינערדיקע פֿינגער דיינע,
וואַנדער אום מיט זיי אין אַלע שטילע ווינקלען
און לאַך דערביי אַרויס מיט דיין טייוולשן געלעכטער,
וועל איך לאַכן אויך מיט ברייטער ווילדקייט,
ביידע וועלן מיר לאַכן.

נאָמיר טאַנצן אין דעם קאַראַהאָד מיט שטורם,
ביז אַ מידעקייט וועט קומען —
ס'וועט די מידעקייט פֿאַרשוואונדן,
דאַמאָלס ווידער, ווידער טאַנצן,
דו — דער טייוול פֿון מיין יוגנט,
איך — דער זינגער פֿון דעם שטורם.

דריי פֿייערן. (פֿון דער סעריע זינד.)

דריי פֿלאַקערדיקע פֿייערן,
אָנגעצונדענע פֿאַקעלן,
זינגענדיקע גייסטער פֿון דער יוגנט,
ברויזן, שוימען אין דעם לעבן
פֿון ביינאַכטעדיקע טאָגן...

דריי ביינאַכטעדיקע גייסטער,
לויפֿן אום פֿון גאַס אין גאַסן,
מישן אויס זיך מיט די שטראָמען
פֿון צעזינגטע,
פֿון צעשטיפֿטע ברויזנדיקע שוימען,
אין עלעקטערישן ציטער,
פֿלאַטער,
און זיי בלענדן זיך ביז בלינד זיין
אין עלעקטריש העלע ליכטער,
ביי שאַנטאַנען,
רעסטאָראַנען,
דאָרט וואו יונג-פֿרוי האַלט אין זינגען
ווערן לידער,
פֿול מיט נאַכטעדיקע פיינען.

דריי מיט יוגנט אָנגעפֿילטע
צערן און פֿאַרצערן

מיט אַ פֿלאַטער,
מיט געוויטער,
רייסן זיך אין קאַראַהאָדן
מיט אַ שעלמיש ווילד געלעכטער,
רופֿן זיי דאָס ווייב צעזינגטע,
ווייב צעשפּילטע,
אין דעם קאַראַהאָד דעם ברייטן:
קומט און דרייט זיך און פֿאַרדרייט זיך,
נעמט מיט פֿולער האַנט פֿון שטורם,
זאָל זיין ציטער,
זאָל זיין פֿלאַטער,
גיט זיך נאָך און שוימט אין שוימען,
פֿריער, שפּעטער — ווינט ער טרוקנט —
וועט ער ברייינגען אייך אין שטויבן...

זינגען זיי און זינגען,
יענע פֿלאַקערדיקע פֿייערן,
וועלכע צערן און פֿאַרצערן
טויזנט זונען.

ס. פּאַלמע

מיין קאַץ.

קום אַרויס צו מיר מיין שוואַרץ-געפֿלעקלטדיקע קאַץ
און זאָל מיין איך אין דיר אַריין,
אַז איך זאָל ווערן דו
און אַז דו זאָלסט ווערן איך,
און בײדע אָפּגענאַרטערהייט
וועלן מיר גענעצן אין הוילער וועלט אַריין
און אויסשפּייען אפשר טויזנט מאָל —
און כאָטש פֿאַרקרומט וועט אונזער פּנים זיין,
ווי פֿון צירקן-קלאָאָן דער לאַך מיט גאַל —
וועלן מיר אָפּגענאַרטערהייט אַלץ יעדן אָבנאַרן
און פֿאַרנאַרן.

קום אַרויס! פֿאַרגעס אָט דעם סענקעוואַטן שטעקן מיין,
נעם אים איבער — קאַטעווע אין הוילער וועלט אַריין —
אַלץ איינס וועט קאַטעווען דער שטעקן מיין —
און ניט פֿאַרקרום זיך פֿאַר דיין ניי-געשפּילטער ראָלע,
ס'וועט אַלץ איינס דיך קיינער ניט דערקענען און ניט גלויבן;
דו וועסט זיך נאַרן מיט די נישטיקע געווינסן פֿון אַ גרויסקייט
און איך ווי דו וועל אויך יעדערן אָפּנאַרן
און פֿאַרדרייען זיך מיט די קאַצישע קאַפּריזן
אויף דעם גלייבן...

׃ אינהאלט פֿון סעריעס ׃

ערשטער ציטער	14
זינד	27
פיראַטן אינזל	49
אין שטילקייט	73
אין דער רויטער שטאָט ...	87
לידער	101

קונסט-בילד פֿון פ. סאַפּאָזשניקאָוו.